STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01708

DI GESHIKHTE FUN MAYN LEBN

Esther Shechter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אסתר שעכטער

אסתר שעכטער

די געשיכטע פון
מיין לעבן

וויניפעג 1951

א ירושה
מיינע קינדער

MY LIFE HISTORY

BY ESTHER SHECHTER

געדרוקט אין "דאָס יידישע וואָרט" — וויניפּעג, מאַניטאָבא, קאַנאַדע

פון מיין פאָטערס צוואה

. . ."א מענטשנס געזונט איז
זיין גרעסטער פארמעגן"

מיין פאָטער איז געשטאָרבן אין 1881, אין עלטער פון 36 יאָר אלט, נאָך א לענגערער קראנקהייט.

איך בין דאן געווען א קינד פון 14 יאָר.

ווען מיין פאָטער האָט געהאלטן ביים שטארבן, האָט ער צוזאמענגערופן זיינע בני־בית און געזאָגט : "מיט אלע מיינע פוטערס אין די שאפעס; מיטן גאנצן זילבער אין די קאָמאָדן— פארבלייבן מיינע קינדער אָרעמע יתומים . . . דעם מענטשנס גרעסטער פארמעגן איז זיין געזונט — קינדער היט אָפּ אייער געזונט". . .

מיט די ווערטער אויף די ליפּן איז מיין פאָטער אויס־געגאנגען . . .



ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט / ייִוואָ
531-535 וועסט 123סטע גאַס, ניו-יאָרק

אויסצייכענונג

אסתּר שעכטער פֿון וויניפּעג, קאַנאַדע

האָט אַנטיילגענומען אין דעם קאָנקורס פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט: „פֿאַר וואָס בין איך אַוועק פֿון דער אַלטער היים און וואָס האָב איך דערגרייכט אין אַמעריקע“ און צוגעשיקט אַ באַשרײַבונג אויף דער דאָזיקער טעמע. די זשורי פֿון קאָנקורס האָט באַשלאָסן אויסצוצייכענען די באַשרײַבונג ווי אַ דאָקומענט וואָס ברענגט וויכטיקן מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין דער נײַסטער צײַט. די באַשרײַבונג איז אַרײַן אויף שטענדיק אין דעם פֿאָנד וויסנשאַפֿטלעכע מאַטעריאַלן פֿון ייִוואָ און וועט אויסגענוצט ווערן דורך היסטאָריקערס און סאָציאַל-פּסיכאָלאָגן פֿאַר פֿאָרשאַרבעטן און פּובליקאַציעס.

דער ייִוואָ דריקט אויס דעם מחבר פֿון דער באַשרײַבונג דאַנק און אָנערקענונג פֿאַר זײַן צושטײַער צו דער ייִדישער וויסנשאַפֿט.

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט

ניו-יאָרק, סעפּטעמבער 1943

פּרעזידענט — עקזעקוטיוו-סעקרעטאַר — סעקרעטאַר פֿון קאָנקורס — וויסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר

אויסצייכענונג פֿון "ייִוואָ" וואָס די מחברין האָט געקראָגן פֿאַר
באַשרײַבן איר לעבנס-געשיכטע.

ביאָגראפישע נאָטיצן

מיינע קינדער־יאָרן

איך בין געבוירן געוואָרן אין 1867, אין מעזשביזש (מעזשיבאָזש), פּאָדאָליער גובערניע, רוסלאַנד, ביי באַלעבאַטישע עלטערן. מיין פּאָטער, משה מרגליות, אָדער משה טאָלצעס, ווי מען האָט אים גערופן, נאָך א באָבען פון מיין מוטערס צד, איז געווען א גרויסער למדן, א ייד א משכיל וואָס האָט געשטאַמט פון א באַרימטער לומדישער משפּחה אין וואָלאָטשיסק, וואָלינער גובערניע, אויף דער עסטרייכישער גרעניץ.

אַלס קינד פון אכט יאָר געדענק איך, אז ביי אונדז אין הויז פלעגן זיך צוזאַמענקומען אלע משכילים. עס איז דאַן געווען די עפּאָכע ווען די משכילים האָבן באַקעמפט די חסידים און מיין פּאָטער האָט זיך אקטיוו באַטייליקט אין דעם דאָזיקן אידעישן קאַמף.

מיין פּאָטער האָט געהאַט א רייכע ביבליאָטעק פון העברעישע ספרים און צו אונדז אין הויז פלעגן אריינקומען די דאַמאָלסטדיקע העברעישע צייטונגען און זשורנאַלן, ווי דער "המליץ", די "הצפירה" און דער "השחר" פון פּרץ סמאָלענסקי.

מיר זיינען געווען פיר קינדער אין דער משפּחה, און איך, די עלטסטע, בין געגאַנגען אין חדר באַגלייך מיט מיינע ברידערלעך. מיין פּאָטער האָט אויך געוואָלט איך זאָל קאָנען לייענען און שרייבן יידיש, האָב איך שוין געהאַט דערויף אַן אנדער לערער. אָנגעפאַנגען לייענען יידיש, האָב איך פון דער צייטונג "קול מבשר", וואָס איז ארויסגעגאַנגען אין אָדעס, אונטער צעדערבוימס רעדאַקציע, אין 1869.

איך בין אויך געווען דאָס ערשטע יידישע מיידל אין מעזשביזש, צו לערנען זיך אויך אנדערע שפּראַכן, ווי רוסיש און דייטש. עס איז אַנטשטאַנען די פראַגע: ווו נעמט מען א לערער? ווייל אין מעזשביזש אין דאַן קיין רוסישע עלעמענטאַר שול נאָך ניט געווען. אזעלכע שולן האָבן זיך דאַמאָלסט געפונען נאָר אין די גרעסערע שטעט אין רוסלאַנד.

מיין ערשטער לערער איז געווען מעכל דייניס, וועמעס פּאָטער איז געווען א פּאָלקאָוואָי שניידער (מעזשביזש איז געווען א מיליטעריש שטעטל). דעם שניידערס קינדער האָבן זיך געלערנט אין אָדעס און אזוי ווי מעכל דייניס איז געווען אַן "עקסטערניק", פלעגט ער זייער אָפט קומען קיין מעזשביזש און איך האָב ביי אים געלערנט. ווען דאָס פּאָלק איז טראַנספּערירט געוואָרן פון מעזשביזש אין אַן אנדער שטאָט, איז דער שניידער אויך אוועק פון אונדז און איך בין אזוי ארום געבליבן אָן א לערער. עס איז ביי אונדז איז שטעל געווען אַן אָרעמער פּריצס זון, וועמען זיין פּאָטער האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן אין דער גרויסער שטאָט, כדי ער זאָל דאָרט פאַרזעצן זיין לערנען, איז ער פאַר א שטיקל צייט געוואָרן מיין לערער. דערנאָך איז איינער א

דובינסקי, פון קיעוו, געוואָרן מיין לערער. ער איז געווען א "פּאָדראַטשיק" ביים פאָלק און האָט זיך אונטערגענומען צו לערנען מיט די עטלעכע "אפּיקור־סישע" קינדער, די רוסישע שפּראַך.

אין 1881, ווען איך בין אַלט געוואָרן 14 יאָר, איז מיין פאָטער גע־שטאָרבן און מיין בילדונג האָט זיך דאַן געענדיקט. מיין מוטער האָט געהאַלטן אז א יידישע טאָכטער דאַרף נאָר קאָנען דאַווענען און לייענען דעם טייטש־חומש.

אין 1863 איז קיין מעזשביזש אַראָפּגעקומען מרדכי ספּעקטאָר און די השכּלה האָט זיך דאָרט צעבליט, און די וואָרצלען וואָס מיין פאָטער האָט פאַרפּלאַנצט, האָבן זיך צעבליט און צעוואַקסן. אויך מרדכי ספּעקטאָר איז געווען מיין לערער פאַר א קורצער צייט. איך האָב געלייענט זיין ערשטן ראָמאַן "אַן א נאָמען" נאָך אין אָריגינאַל.

עס איז כּדאי צו דערמאָנען אַן אינצידענט, אז ווען ספּעקטאָר איז ניט געקומען יום־כּיפּור אין שול אריין ביי אונדז אין שטעטל, האָט מען אים אויסגעזעצט די פענצטער.

אין דעם זעלבן יאָר איז ספּעקטאָר אַפּגעפאָרן קיין פּעטערבורג, אין דער רעדאַקציע פונם "המליץ", וו עס האָט געדאַרפט דערשיינען "דאָס יידישע פאָלקס בלאַט". געקומען אהין איז מרדכי ספּעקטאָר אויף דער רע־קאַמענדאַציע פון מאיר פראַנקפורטער, א יונגערמאַן, א משכּיל, מיט הויכער וועלטלעכער בילדונג, וועלכער איז אויך געווען אַן אבאָנענט פונם "המליץ".

פראַנקפורטער האָט געדאַרפט זיין אין פּעטערבורג צוליב מסחר, האָט ער זיך געזען מיט צעדערבוימען און אים געזאָגט, אז ער קאָן פאַרזיכערן ספּעקטאָרן, אז ער קומט אָפּט אריין אין זיין הויז, און אז ער, מרדכי ספּעקטאָר, וועט זיין א גוטער מיטאַרבעטער אין דעם "יידישן פאָלקסבלאַט" וואָס דאַרף דערשיינען.

איך בין געוואָרן אַן אבאָנענט פון דעם "יידישן פאָלקסבלאַט" און מיינע צוויי יאָר פון דער דאָזיקער צייטונג, פאַר די יאָרן 1894־5, געפינען זיך איצט אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער ניו־יאָרקער פּאָבליק לייברערי (שטאָטישער ביבליאָטעק), 42טע סטריט און 5טע עוועניו, וווהין איך האָב זיי אוועקגעשענקט אין 1930 אלס מתנה.

אין 1884 איז צו אונדז אַראָפּגעקומען א קאַזיאָנער רב מיטן נאָמען ווייס, אין איינקלאַנג מיטן דאַמאָלסטדיקן געזעץ אין רוסלאַנד, אז יעדער־שטעטל מוז האָבן א קאַזיאָנע ראַבינער.

איך האָב זיך באַקענט מיט דער פאַמיליע. דעם ראַבינערס צוויי טעכ־טער האָבן שוין געהאַט געענדיקט די גימנאַזיע, אין קיעוו. אָבער צוליב דעם וואָס זיי האָבן ניט געהאַט קיין ווינטערכט אין קיעוו, האָבן זיי געמוזט קומען מיט זייערע עלטערן קיין מעזשביזש. זיי האָבן מיר געגעבן אומזיסטע לעק־ציעס און מיך צוגעגרייט איך זאָל זיך קאָנען לערנען אויף אקושאָרקע.

איך בין דאַן אַלט געווען 19 יאָר און האָב שוין געלייענט די רוסישע ליטעראַטור. מיינע פריינדינס, דעם ראַבינערס קינדער, האָבן מיך צוגערעדט צו פאָרן קיין אָדעס. דאָרט וועט מיך די "אָבשטשעסטוואָ פּראָסוועשטשעניע" לערנען אומזיסט, האָבן זיי מיך פאַרזיכערט.

מיר איז געפעלן געוואָרן דער דאָזיקער פּלאַן: אַזוי ווי מיין מוטער האָט דאָרט רייכע קרובים, וועלן זיי מיך שטיצן, און צו לערנען זיך וועט מיך אויך ניט קאָסטן, בלייבט נאָר די פראַגע: ווו נעמט מען אויף הוצאות הדרך? וועגן מיין פּלאַן האָב איך מיין מוטער ניט דערציילט. איך האָב זיך גע־מאַכט קראַנק און דער דאָקטאָר פון אונדזער שטעטל האָט געזאָגט מיין מוטער, אַז איך דאַרף פאָרן אויף צוויי חדשים זיך באָדן אין אָדעסער ים.

אינם חודש יוני, פונם יאָר 1886, בין איך אָפּגעפאָרן קיין אָדעס. דער קאַזיאָנע ראַבינער, ה׳ וויס, האָט מיר געגעבן בריוו צו זיינע קאָלעגן, די פּריסאַזשנע פּאָווערעניע (אַדוואָקאַטן) ה׳ מאַרגאָלים און דר. צאַצקין, און צו נאָך אַ צאָל אַנדערע פּערזענלעכקייטן, וועמעס נעמען איך געדענק לײדער ניט, און אַזוי בין איך אָנגעקומען קיין אָדעס מיט גרויסע האָפענונגען.

פאַרפאָרן בין איך צו מיין פאָטערס אַן אָנקל, נתן האַראָוויץ, אויף דער ציגיינער גאַס (שפּעטער די מאַלאַראַסיסקע). מיין עלטער־פעטער איז אַליין ניט געווען קיין גרויסער גביר. ער האָט געהאַלטן אַ סקלאַד פון קוילן. ער איז אויך געווען אַ ייד אַ משכיל. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין פּלאַן, אַז איך וויל פאָרזעצן מיין לערנען, און אים אויך דערמאָנט וועגן מיין רייכן קרוב, אַברהמל גרינבערג. ער האָט מיך געעצהט איך זאָל אים אָנשרייבן אַ בריוו אין מיין מוטערס נאָמען.

מיין רייכער קרוב האָט דאַמאָלסט געוווינט אויף ניקאָלײעווסקי בול־וואַר. ווען איך בין אַהין געקומען איז געשטאַנען אַ שווייצאַר ביי דער טיר און איך האָב אים אָפּגעגעבן מיין בריוו. עס האָט ניט גענומען לאַנג ווי ער איז צוריקגעקומען און מיר דערלויבט אַריינצוקומען. איך האָב מיין קרוב דערציילט צוליב וואָס איך בין געקומען קיין אָדעס און אים אויך באַוויזן מיינע רעקאָמענדאַציע בריוו וואָס אונדזער ראַבינער פון מעזשביזש, ה׳ וויס, האָט מיר געגעבן צו זיינע קאָלעגן. דאָס האָט פיל בייגעשטייערט צו מיין דערפאָלג. איך האָב אַברהמל גרינבערג אויך דערציילט אַז איך שטיי אויף דער ציגיינער גאַס, האָט ער מיר געהייסן קומען צו אים אַהיים, וואו אַלץ איז שוין פאַר מיר אַראַנזשירט געוואָרן.

איך בין אַזוי אָפּגעווען אין אָדעס זעקס חדשים צייט. גוטע לערערס האָבן מיך אונטעררייכט. אַהיים האָב איך געשריבן, אַז איך וויים ניט ווען איך וועל צוריקקומען . . .

דערוויל איז אין מעזשביזש זיך פאַרלאָפן אַזאַ געשיכטע: מיינער אַ חבר, משה גלייזער, וועמען עס האָט אויך געצויגן צו בילדונג, און ער פלעגט אַלעמאָל פאָרן הין און צוריק קיין זשיטאָמיר, מחמת זיינע עלטערן האָבן אים דאָרט ניט געוואָלט אויסהאַלטן, האָט אַרויסגעגנבעט ביי זיי צוויי הונדערט דאָלאַר און איז אַנטלאָפן איבערן גרעניץ צו פאָרן קיין אַמעריקע. אין שטעטל איז דאַמאָלסט אַרויס אַ קלאַנג, אַז אסתר טאָלצעס (אַזוי האָט מען מיך גערופן אין מעזשביזש), איז אַנטלאָפן מיט משהן. משה גלייזער איז שפּעטער געוואָרן אַ דאָקטאָר אין שיקאַגאָ (היינט ניט מער צווישן די לעבע־דיקע).

מיין באָבע האָט געשריבן צו די קרובים אין אָדעס, אַז איך האָב אָפּגע־נאַרט מיין מוטער, זאָגנדיק אַז איך דאַרף זיך קורירן, און אַז זי וויל איך זאָל צוריקקומען אַהיים. אַזוי האָב איך זיך געמוזט צוריקקערן קיין מעזשביזש.

מיך האָט שוין אָבער געצויגן אין דער ברייטער וועלט אריין . . .

אין 1886 האָט שוין מעזשביזש געהאַט זייער אַן אינטעליגענטע יוגנט, וועלכע האָט געגרינדעט א ביבליאָטעק. אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק ווו עס זיינען אריינגעקומען פיל צייטונגען און זשורנאַלן אויף רוסיש און העב־רעיש. איינצייטיק מיט דער העברעישער ליטעראַטור האָט מען אויך געלייענט די אומלעגאַלע רוסישע ליטעראַטור.

אין יענער צייט האָט זיך אויך געעפנט א דרוקעריי אין מעזשביזש. איך האָב זיך באַקענט מיט א יונגנמאַן פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק וואָס האָט געאַרבעט אין דער דרוקעריי, און ער האָט ביי מיר געפרעגט צי וואָלט איך געוואָלט פאָרן מיט אים קיין אַמעריקע.

דאָ איז מיר אריינגעפאַלן א געדאַנק אין קאָפּ: אזוי ווי מיין מוטער און מיין באָבע ווילן איך זאָל חתונה האָבן, וואָלט אפשר געווען א גוטער פּלאַן איך זאָל טאַקע חתונה האָבן, און מיט די עטלעכע הונדערט רובל נדן זאָלן מיר דערנאָך אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. מיין משפּחה איז געווען זייער שטאַרק קעגן דעם שידוך, אָבער איך האָב מיינס אויסגעפירט און האָב חתונה געהאַט מיט דעם דאָזיקן יונגנמאַן קעגן זייער ווילן. איך האָב שפּעטער זייער טייער באַצאָלט פאַר דעם איבערגעאיילטן שריט.

אין 1887, אינם עלטער פון 20 יאָר, האָב איך חתונה גע־האַט. באַלד נאָך דער חתונה זיינען מיר אָפּגעפאָרן קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. מיין מאַן האָט געזאָגט אז ער וויל זיך געזעגנען מיט זיין משפּחה — מיט אַן אַלטן זיידן און א שוועסטער. זיין פאָטער איז שוין פאַר לאַנגע יאָרן געווען אין אַמעריקע, אָבער ער האָט אהיים קיינמאָל ניט געשריבן. דער זיידע האָט מיין מאַן ווייטער ניט געלאָזט פאָרן און מיר זיינען פאַרבליבן אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק.

אזוי ווי אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק האָט מען געקאָנט לערנען אויף אקו־שאַרקע, האָב איך געדענקט דאָ צו פאַרזעצן ווייטער מיין שטודירן. ווען איך בין אָפּגעפאָרן פון מעזשביזש האָבן מיינע פריינט, און באַזונדערס דער ראַבינער, ה׳ וויים, מיך געראָטן איך זאָל פאַרזעצן מיין לערנען. דער לעצטער האָט מיר אויך מיטגעגעבן א רעקאָמענדאַציע בריוו צום ראַבינער אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק, ה׳ בלושטיין, און זיינער א שוועסטער, מאַדאַם פרענק, וועלכע איז אליין געווען א גראַדויִרטע אקושאַרקע. דאָ האָב איך געליטן די ערשטע אנטוישונג אין מיין פאַרהייראַטן לעבן — מיין מאַן האָט מיר מיין אַפּליקאַציע אויף אקושאַרקע־קורסן ניט געוואָלט אונטערשרייבן. ״ער דאַרף ניט קיין ווייב א פאַרדינערקע״, האָט ער געזאָגט — און זיין משפּחה האָט אים ניט געלאָזט פאָרן קיין אַמעריקע.

מיין מאַן האָט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק קיין שטעלע ניט געקאָנט קריגן און די 500 רובל נדן זיינען צו ביסלעך אויסגערונען. דערווייל איז געקומען א קינד. אהיים האָב איך וועגן מיינע צרות ניט געקאָנט שרייבן, ווייל מיין משפּחה איז לכתחילה געווען קעגן דעם שידוך, און איך האָב געוואָלט חתונה האָבן נאָר כדי צו קאָנען פאָרן קיין אַמעריקע . . .

עס האָט זיך פאַר מיר דאַן אָנגעפאַנגען אַ סדרה פון וואַנדערונגען: צוערשט קיין אָדעס, דערנאָך אין טאַוורישעסקער גובערניע, פון דאָרט קיין בעסאַראַביע און דערנאָך צוריק קיין אָדעס. אונדזער צוזאַמענלעבן איז געווען אַ צרהדיקער, מיר האָבן זיך ניט פאַרשטאַנען . . . צוויי באַזונדערע וועלטן — מזרח מיט מערב. קינדער זיינען געקומען אומגעוווּנטשן . . .

אין 1900 האָב איך שוין אַליין געהאַט אַ דרוקעריי אין אָדעס, אויף דער רישעליעווסקאַ גאַס. מיין מאַן פלעגט פיל אַרומפאָרן אין ניקאָלייעוו, יאַלטע, יעווּפּאַטאָריע און אַנדערע שטעט, נאָך באַשטעלונגען, און איך בין געווען די פאַרוואַלטערין פון דער דרוקעריי. ער פלעגט אָפט ברענגען באַשטעלונגען וואָס האָבן געמוזט דורכגיין די צענזור און איך האָב אויף זיי קיין דערלויבעניש ניט געקאָנט קריגן. מיין מאַן פלעגט פאָדערן איך זאָל די באַשטעלונגען דרוקן אָן אַ דערלויבעניש, וואָס איך האָב זיך אַנטזאָגט, און ער פלעגט מיר פאָרוואַרפן פאַרוואָס איך העלף אַרויס די בונדיסטן, פון וועלכע איך האָב גאָרנישט ניט . . .

איך פלעג מיט אים אַרגומענטירן, אַז צו זיין אַ פּאָליטישער פאַרברעכער איז אַ כבוד — אַ קרימענעלער פאַרברעכער צו זיין איז אָבער אַ חרפּה און אַ שאַנדע . . . ער האָט דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט ניט געטיילט און עס איז איבער דעם ביי אונדז געקומען צו אָפטע צאַנקערייען און קריגערייען.

איך האָב געהאַט גוטע פריינט און לאַנדסלייט פון מעזשביזש, וועמעס אינטעליגענטע, באַוווּסטזיניקע קינדער האָבן באַלאַנגט צו דער בונדישער פּאַרטיי, און איך פלעג זיי פיל מאָל אַרויסהעלפן אין זייער אומלעגאַלער דרוקעריי, ווי קויפן פאַר זיי שריפט אויפן נאָמען פון מיין טיפּאָגראַפיע. דאָס האָט מיין מאַן ניט געוואָלט ליידן און ער פלעגט שטאַרק פּראָטעסטירן קעגן דעם.

עס איז געקומען דערצו, אַז מיר האָבן זיך געמוזט גטן . . .

מיינע אימיגראַנטן־יאָרן

איך האָב חתונה געהאַט אין אָדעס צום צווייטן מאָל פאַר זייער אַן אינטעליגענטן און באַוווּסטזיניקן יונגנמאַן, וועלכער איז געוואָרן מיין געטרייער חבר אין לעבן און אַן איבערגעגעבענער פאָטער צו מיינע קינדער.

אין 1904 איז אויסגעבראָכן די רוסיש־יאַפּאַנעזישע מלחמה. מיין מאַן איז געווען אַ "זאַפּאַסנאָי" (רעזערוו) סאָלדאַט, און ווען מען האָט גערופן די "זאַפּאַסניע" פון זיינע יאָרן, האָט ער ניט געוואָלט גיין אין מלחמה זיך שלאָגן פאַר רוסישן צאַר, דעם צורר היהודים, און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין קאַנאַדע. איך בין מיט די קינדער געבליבן אין אָדעס.

עס האָבן זיך דאַמאָלסט אָרגאַניזירט אַ צאָל יונגעלייט אין אָדעס צו פאָרן קיין קאַנאַדע צו ווערן פאַרמערס. מען האָט זיי פאַרשפּראָכן צו געבן "האָמסטעדס" דאָרטן און זיי אַרויסהעלפן דורך דער "איקאַ", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פונם באַראָן הירש פאָנד.

באַלד ווי די אימיגראַנטן זיינען אָנגעקומען קיין מאָנטרעאַל, האָט זיי דער קאָמיטעט פאַררופן און דערקלערט, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין זוכן אַרבעט דערווייל, ביזן פרילינג. זיי זיינען אָנגעקומען אין נאָוועמבער און האָבן גע־

דארפטווארטן ביזן פרילינג, ביז מען וועט קענען זיי באזעצן אויף "האָמ־סטעדס". מיין מאַן, וועלכער איז פון פאַך געווען א דרוקער, האָט אין מאָנטרעאל קיין ארבעט ניט געקאָנט באַקומען. אין מאָנטרעאל זיינען דאמלאָסט נאָך ניט געווען קיין יידישע אָדער רוסישע דרוקערייען, און קיין ענגליש האָט ער ניט געקאָנט. אזוי ווי קיין קרובים און קיין פריינט האָט ער אין מאָנטרעאל ניט געהאַט, האָט ער דערווייל געוווינט אין אימיגראנטן־הויז.

דערווייל האָט מען געגומען ארבעטער אין וואלד אריין אויסצוארבעטן רויע מאטעריאלן. מיין מאַן האָט באשלאָסן צו פאָרן אין וואלד אריין ארבעטן איבערן ווינטער, און אין פרילינג צוריקקומען קיין מאָנטרעאל צו נעמען א "האמסטעד". געזאָגט האָט מען זיי אז דער וואלד איז ניט ווייט פון מאָנטרעאל.

מיין מאַן האָט אָפּגעארבעט אין וואלד, עבודת פרך, דעם גאנצן ווינטער, און אין פרילינג, ווען ער האָט געוואָלט צוריקפאָרן קיין מאָנטרעאל, האָט ער ניט געהאַט אויף הוצאות. מען האָט די ארבעטער אָפּגענארט, ווען מען האָט זיי געזאָגט אז דער וואלד איז ניט ווייט פון מאָנטרעאל, און מען האָט זיי פארפירט ניט ווייט פון — וויניפּעג. באין ברירה האָט שוין מיין מאַן געמוזט אריינפאָרן קיין וויניפּעג אַנשטאָט צו פאָרן קיין מאָנטרעאל.

געקומען קיין וויניפּעג האָט זיי ביים סטעישאַן באגעגנט ר' לייזער סעקטער, דער שמש פון בית־יעקב שול, וועלכער פלעגט אָפּווארטן די באנען מיט די אימיגראנטן וואס קומען פון מאָנטרעאל, טאָמער זיינען צווישן זיי פאראן אויך יידן, ווייל מערסטנס פלעגן אין יענער צייט פאָרן לאַטישן אויף וואלד ארבעט, אין ספּעציעלע אימיגראנטן וואגאָנען.

דער שמש האָט געפרעגט מיין מאַן צי ער איז א ייד און צי ער האָט דאָ פריינט. מיין מאַן האָט אים געענטפערט אז ער איז א ייד, און אז קיין פריינט האָט ער דאָ ניט.

— קומט מיט מיר אין הכנסת אורחים, — האָט מר. סעקטער צו אים געזאָגט.

מיין מאַן האָט מיטגענומען אויך צוויי לאַטישן, וועלכע ער האָט געזאָגט דעם שמש זיינען יידן, אָבער זיי קאָנען ניט ריידן גוט קיין יידיש. די צוויי לאַטישן האָבן אויך קיינעם ניט געהאַט אין וויניפּעג. דער הכנסת־אורחים איז געווען אין קעלער פון דער בית יעקב שול.

געקומען אין דער אכסניה, אוועקגעשטעלט דעם באגאזש, איז מיין מאַן ארויס אין גאַס און אריינגעקומען אין א יידישער קראָם. דאָס איז געווען די סטאָר פון דר. בערמאַקס עלטערן, אויף קינג און דזשארוויס. דאָרט האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ווו ער קאָן באקומען א צימער. מרס. בערמאַק האָט אים באלד רעקאָמענדירט א צימער און איינגעלאַדן ער זאָל אָפּט אריינקומען צו זיי. זי האָט אים דאַן דערציילט אז וויניפּעג פארמאָגט 800 יידישע משפּחות, וועלכע זיינען אין 1882 געקומען פון רוסלאַנד, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען פון 1881, און אז צווישן זיי געפינען זיך אויך אייניקע דייטשע יאהודים.

מיין מאַן האָט זיך נאָכגעפרעגט צי עס איז דאָ פאראן א יידישע דרוקעריי און מען האָט אים איבערגעגעבן אז קיין אנדערע דרוקערייען, אויסער

ענגלישע זיינען דאָ ניטאָ, און אַז די אינדוסטריע בכלל איז נאָך דאָ ניט אַנט־וויקלט.

מיין מאַן איז געווען זייער פאַרצווייפלט פונם געדאַנק אַז ער וועט דאָ קיין אַרבעט ניט קאָנען קריגן. מען האָט אים דערציילט אַז אין ווינניפּעג איז פאַראַן אַ ווויילטעטיקע פרוי, מרס. טעפּער, וועלכע וועט פאַר אים מעגלעך קאָנען געפינען אַ שטעלע.

מיין מאַן האָט זיך געווענדעט צו מרס. טעפּער און איר דערציילט וועגן זיין לאַגע. זי איז מיט אים אַרומגעגאַנגען פון דרוקער צו דרוקער און געבעטן מען זאָל אים געבן אַרבעט. אַזוי ווי קיין זעצער האָט ער ניט געקאָנט זיין, מחמת ער האָט ניט געקאָנט די שפּראַך, האָט ער זיך געשטעלט אַרבעטן אַלס מאַשיניסט. מרס. טעפּער האָט אים געקראָגן אַ שטעלע ביי דער "פּיל פּרינטינג קאָ." אויף מאַרקעט סטריט (די געביידע פונם איצטיקן פּלעיהאַוז טעאַטער) פאַר פינף דאָלאַר אַ וואָך.

ער האָט באַלד גענומען אַ לערער, דער דאַמאָלסטדיקער רב, מר. רובין, צו לערנען זיך ענגליש. ווען ער האָט אָפּגעאַרבעט צוויי וואָכן האָט ער געבעטן אַ רעיז. דער פאַרמאַן אַליין, זייער אַ ליבעראַלער מענטש, האָט אים דערמו־טיקט דערצו.

— דו קאָנסט נאָך קיין ענגליש ניט רײדן, — האָט אים דער באַלע־באָס געענטפערט מיט אַ שמייכל, — אָבער אויף אַ "רעיז" צו בעטן, האָסטו זיך שוין אויסגעלערנט . . . אָבער דעם רעיז האָט ער אים געגעבן.

די לאַגע פון מיין מאַן האָט זיך אַזוי צו ביסלעך פאַרבעסערט און מיין מאַן איז דערנאָך געוואָרן דער פאָרמאַן אין דער זעלבער דרוקעריי, וווּ ער האָט געאַרבעט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

* * * * *

איך האָב ניט געקאָנט פאָרן צוזאַמען מיט די קינדער, ווייל איך האָב ניט געקאָנט קריגן קיין גובערנאַטאָרסקי פּאַס צוליב דעם וואָס מיין מאַן איז אַוועקגעפאָרן אומלעגאַל, און גנבענען די גרעניץ מיט פינף קינדער איז געווען אַן אוממעגלעכע זאַך. איך האָב מיט מיין יינגסטן קינד געגנבעט די גרעניץ אין וואָלאָטשיסק. דאָס איז מיר ניט אָנגעקומען זייער שווער מחמת איך האָב אין וואָלאָטשיסק געהאַט אַ סך קרובים פון מיין פּאַטערס משפחה. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט מען מיר אויך אַריבערגעבראַכט די אַנדערע דריי קינדער. איין יינגל פון 12 יאָר, האָט אָבער מיין ערשטער מאַן פאַרהאַלטן, כדי מיך צו באַ־שטראָפן . . . זיין אייגענע שוועסטער, קלאַרא ווייסמאַן, האָט מיר זייער פיל אַרויסגעהאָלפן אַריבערצוברענגען די אַנדערע קינדער.

עס איז מיר געווען זייער שווער אויפן האַרצן צו פאַרלאָזן אַזאַ קולטור־רעלע סביבה, ווי איך האָב געהאַט אין אָדעס; אַזאַ ברייטע באַקאַנטשאַפט פון אינטעליגענטע פריינט . . . אָבער ווען איך בין אָנגעקומען קיין ווינניפּעג און האָב דערזען די הילצערנע הייזלעך; אין די גאַסן זיינען נאָך אפילו קיין "סועערס" (קאַנאַליזאַציע) ניט געווען; די שפּראַך האָב איך אויך ניט געקאָנט — איז מיר געוואָרן זייער ביטער אויפן האַרצן . . .

איך האָב באַלד אויסגעשריבן דעם "נאָוואָסט" פון אָדעס; בין אריינ־געקומען אין א יידישער קראָם און דערזען דעם "פאָרווערטס" — האָב איך אים באַלד אבאָנירט . . . מיין מאַן האָט מיר צוגעגעבן מוט, אז איך זאָל זיך אויסלערנען די שפּראַך, וועל איך ניט זיין אזוי פארצווייפלט. איך האָב שוין אויך דערוואָרבן זיך אייניקע באַקאַנטע, מענטשן וואָס זיינען אָנגעקומען ארום דער זעלבער צייט וואָס איך בין געקומען.

אין יענער צייט האָט מיט מיר פּאַסירט אזא עפּיזאָד:

אין יולי 1905, א חודש פאַר מיין אָנקומען קיין וויניפּעג, האָט זיך דאָ געעפנט איטאָנס דעפּאַרטמענט סטאָר. פאַר א געוויסער צייט האָבן זיי אָנגע־פירט א סעיל אויף רעגן־מאַנטלען צו איין דאָלאַר, בלויז איין מאַנטל צו א קאַסטאָמער. האָט מיר מיין מאַן געזאָגט, אז איך דאַרף ניט ריידן קיין סך, נאָר נאָכטאָן דאָס וואָס די אנדערע פרויען טוען און זיך אויך קויפן א מאַנטל. ווען מיין מאַן איז אין אָוונט געקומען פון דער ארבעט און מיך געפרעגט צי איך האָב געקויפט א רעגן־מאַנטל, האָב איך אים געענטפערט אז דאָס איז בלויז פאַר קאַסטאָמערס, אָבער איך בין ביי איטאָנס נאָך ניט קיין קאַסטאָמער . . .

מיינע באַקאַנטע האָבן פון מיר געלאַכט און מיר געזאָגט אז ווען זיי זיינען געקומען צו איטאָנס, האָבן זיי דעם סעילסמאַן אָנגענומען ביי דער האַנט און אָנגעוויזן וואָס זיי ווילן האָט ער עס זיי פאַרקויפט.

מיין מאַן האָט זיך שוין געפילט אביסל בעסער אין זיין לאַגע — ער האָט שוין געקאָנט אביסל די שפּראַך, שוין געלייענט אן ענגלישע צייטונג, גענומען א גוטן געהאַלט, לויט דער דאַמאָלסדיקער צייט — צוויי־און־צוואַנציק דאָלאַר א וואָך . . .

מיינע קינדער האָב איך אוועקגעשיקט אין סקול. מיין עלטערער זון איז דאַן געווען ארום זעכצן יאָר אַלט, און שוין געהאַט געענדיקט די "קאַזיאָנע יעווריעיווסקאַיא אוטשילישטשע" אין אָדעס. ער האָט דאָרט אויך געהאַט א יידישן לערער, וועלכער איז מיר רעקאָמענדירט געוואָרן פון "דעם זיידן", מענדעלע מוכר ספרים (אבראַמאָוויטש), וועלכער איז אין מיין צייט געווען דער פּרינציפּאַל אין דער אָדעסער תלמוד תורה.

קיין ענגלישע קלאַסן פאַר דערוואַקסענע יידישע קינדער איז נאָך דאַן אין וויניפּעג ניט געווען, האָב איך פאַר מיין עלטערן זון צוגענומען א פּריוואַטן לערער. ער האָט זיך אויך געלערנט צו זיין א דרוקער, א פאַך וועלכע ער האָט זיך אָנגעפאַנגען לערנען נאָך אין אָדעס. ער האָט דאָ געאַרבעט אין דער ערשטער יידיש־סאָציאַליסטישער וועכנטלעכער צייטונג "דער קוריער". שפּע־טער איז ער געוואָרן אן אינשורענס אגענט, מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך נאָך דערפאָלגרייך ביזן היינטיקן טאָג.

אין יענעם יאָר האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן א שטראָם יידישע אימיגראַנטן קיין וויניפּעג. עס זיינען געקומען אהער יונגעלייט מיט פאַרשיי־דענע אידעאַלן און אנשויונגען, ווי סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ציוניסטן, אנאַר־כיסטן, טעריטאָריאַליסטן און זיי האָבן אַלע געגרינדעט קלובן מיט א באַ־וווסטזיניקער פּירערשאַפט.

עס האָט זיך באַלד אָנגעפאַנגען א געזעלשאַפטלעך קולטורעלער לעבן.

עס איז געגרינדעט געוואָרן א ביבליאָטעק, א דראמאטישער פאריין, וועלכער האָט אָפט געשפּילט טעאטער פאר קולטורעלע צוועקן; מען האָט אָפט אראָפּ־געבראכט פון ניו־יאָרק באוווסטע רעדנערס — יעדער פּאַרטיי איר "רבין". די היברו סיק בענעפיט סאָסייטי, איז געגרינדעט געוואָרן, און אויך דער ארבעטער־רינג, ווו מיין מאן איז געוואָרן א מיטגליד . . . אין וויניפּעג זיינען אלע וואָד צוגעקומען נייע אימיגראנטן, אינטעליגענטע יונגעלייט.

די ערשטע יידישע קאָאָפּעראטיווע בעקעריי איז געגרינדעט געוואָרן, אונטער דער פארוואלטונג פון ישראל פּראַסאָוו. עס איז אויך כדאי צו דער־מאָנען, אז פּיוזל לעבציער, וועלכער איז שוין דאמאָלסט געווען אן "אַלד־טיימער" (פון די פּיאָנערן), האָט ניט דערלאָזט אז מען זאָל מאכן א טראָסט פון כשרע פליש. ער האָט געעפנט א בוטשערשאָפּ און פארקויפט פליש צו זעקס סענט א פונט.

מיט דער צייט האָבן זיך אויך געעפנט פאבריקן און מען האָט אָנ־געהויבן אגיטירן די ארבעטער זיי זאָלן ווערן "יוניאָן מענטשן".

איך בין ביסלעכווייז צוגעוווינט געוואָרן צו דער שטאָט וויניפּעג. האָב זיך אויסגעלערנט די שפּראך פון לאנד, די עקאָנאָמישע לאגע האָט זיך מיר אויך פארבעסערט, נאָך א קינד איז געבוירן געוואָרן . . . איך בין קראנק געוואָרן און אָפּגעלעגן א יאָר צייט אין שפּיטאָל, בין צוריק געזונט געוואָרן און מיר האָבן געלעבט גליקלעך און צופרידן.

געזעלשאַפטלעך האָבן מיר זיך אויסגעלעבט צווישן די ראדיקאלן. מיר האָבן ניט באלאנגט צו קיין פּאָליטישער פּאַרטיי, מיר זיינען אָבער געווען נאציאָנאל געשטימט, און אזוי זיינען מיר פון אימיגראנטן געוואָרן בירגער.

ווען עס זיינען אָנגעקומען די פּראָווינציעלע וואלן, האָבן די סאָציאל־דעמאָקראטן ארויסגעשטעלט אן אייגענעם קאנדידאט, אן ענגלישן מיטן נאָמען פּולטשער. ס. הארט גרין, דער באקאנטער אדוואָקאט, איז געווען דער קאנדידאט פון די ליבעראלן. עס איז דאן אויפגעקומען די פראגע: ווו נעמט מען א צייטונג צו אגיטירן פארן סאָציאליסטישן קאנדידאט? אין וויניפּעג האָבן דאמאָלסט עקזיסטירט די צוויי ענגלישע צייטונגען, איינע א ליבעראלע און די צווייטע א קאָנסערוואטיווע.

די יידישע סאָציאל־דעמאָקראטן האָבן דאן געעפנט א קאמפּיין צו גרינדן א יידישע צייטונג און האָבן אראָפּגעבראכט גענאָסע זוסמאן, פון די שטאטן, וועלכער האָט דורכגעפירט דעם קאמפּיין מיט גרויס דערפאָלג. אזוי, אז אין 1910, איז אין וויניפּעג געגרינדעט געוואָרן די ערשטע סאָציאליס־טישע וואָכנבלאט, "דער קוריער", וועלכע איז די איינציקע יידישע צייטונג אין מערב קאנאדע ביז צום היינטיקן טאָג, און דערשיינט אונטערן נאָמען "דאָס יידישע וואָרט". מיין מאן האָט צוזאמענגעשטעלט די ערשטע דרוק־מאשין און מיין עלטסטער זון, ווייסמאן, האָט אויך אנטייל גענומען אין דער ערשטער יידישער צייטונג אין וויניפּעג.

די ערשטע צייטונג איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין מארט, און דעם 7טן אַפּריל איז מיין מאן קראנק געוואָרן און אין אכט טעג ארום איז ער גע־שטאָרבן. איך בין געבליבן מיט פינף קינדער, דער עלטסטער פון וועלכע איז געווען אכצן יאָר אלט און דער יינגסטער דריי יאָר אלט.

אַט דער דאָזיקער פארלוסט איז געווען א גרויסער ניט נאָר פאר מיר און פאר מיינע קינדער, נאָר אויך איז דאָס געווען א גרויסער פארלוסט פאר דער היגער יידישער ראדיקאלער קאָלאָניע בכלל. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער, באוווסטזיניקער, ערלעכער יידישער יונגערמאַן; א באוווסטזיניקער מיטגליד פון זיין יוניאָן, די ״אמעריקען פעדערעישאַן אָף לעיבאָר״.

איך בין געבליבן אַן מיטלען צו לעבן פאר מיין וויטערדיקער עקזיסטענץ. מיין עלטערער זון פלעגט מיר געבן צען דאָלאר א וואָך פון זיינע קליינע פארדינסטן; צוויי יינגלעך, צוועלף און פערצן יאָר אלט, און א טאָכטער פון ניין יאָר, זיינען אלע נאָך געגאנגען אין סקול. איך האָב געהאט צוועלף הונדערט דאָלאר אינשורענס פון מיין מאַן, האָב איך זיך געקויפט א הויז — איך זאָל מיט די קינדער האָבן א דאך איבערן קאָפּ, און איך אליין האָב געפּרווט עפּעס פארדינען . . .

אזוי ווי איך בין אליין געווען גוט באקאנט מיט דער דרוק־ארבעט, נאָך פון אַדעס, האָב איך געפּרווט ״קענוועסן״ פּאר דרוק־ארבעט.

וויניפּעג איז שוין דאמאָלסט געווען א שטאָט מיט ארום דריי טויזנט, אָדער מער, יידישע פאמיליעס, מיט פיל יידישע געשעפטן, און איך האָב געהאט פיל באקאנטשאפט צווישן זיי, האָב איך זיך באמיט צו פארדינען צו ביסלעך. ניט ווייט פון מיין הויז האָט זיך געעפנט א פאבריק, וו מען פלעגט פארריכטן אלטע זעק. מען האָט געצאָלט פינף סענט א זאק. איך פלעגט אהין אויך אָפּט ארייננגיין צו פארדינען א פּאָר סענט. איך פלעג אוועקגיין צו דער ארבעט, נאָכדעם ווי איך האָב ארויסבאגלייט די קינדער אין שול, פלעג אהיימגיין זיי געבן עסן מיטאָג־צייט און דערנאָך ווידער גיין צו דער ארבעט. איך בין געווען צופרידן צו פארדינען א דאָלאר א טאָג און עס איז מיר נאָך געבליבן אביסל צייט פארן ״קענוועסן״. און מיט דעם בין איך געווען צופרידן.

מיט מיר האָבן געארבעט ארום צוואנציק רוטענישע פרויען. איינמאָל ווען איך בין אריינגעקומען צו דער ארבעט, זאָגט מיר א פרני, אז דער באַלעבאָס וויל מיך מער ניט האָבן. איך בין אריין אין אָפיס און אים געפרעגט פארוואָס, האָט ער מיר געענטפערט, אז ער וויל מיך מער ניט האָבן דערפאר וואָס איך רעד ביי דער ארבעט. געצאָלט האָט ער פון שטיק ארבעט . . . אזוי בין איך געבליבן אָן ארבעט.

אין 1918 איז אויסגעבראָכן די פלו אין וויניפּעג און מענטשן זיינען געפאלן ווי די פליגן. אַן אגענט (ב. מילער) פון די יידישע צייטונגען אין ניו־יאָרק, ווי די ״ווארהייט״, ״די צייט״ און איצט ״דער טאָג״, האָט מיך אָנגעשטעלט צו העלפן אים זאמלען די אבאָנענטן־אָפּצאָלונגען, אַן ארבעט וואָס איך טו ביז היינט צו ביסלעך (אין צייט פון דער ״פלו״ האָבן מענטשן מורא געהאט ארומצוגיין זאמלען...).

ווען מיין זון האָט חתונה געהאט, בין איך ווידער געבליבן אָן מיטלען צום לעבן. אָבער מיין זון, מאָריס, האָט מיך געשטיצט מיט וויפל ער האָט נאָר געקאָנט.

די יינגערע צוויי יינגלעך האָבן דערווייל פארענדיקט פּאבליק סקול, האָב איך זיי אָפּגעגעבן זיך לערנען דרוקעריי. איך האָב דערווייל אויך אָנ־

געהויבן פּאַרדינען צו ביסלעך. איינער פון מיינע זין האָט מוזיקאַלישע נייגונגען, האָב איך געקויפט אַ פּיאַנאָ און אַז ער האָט זיך געלערנט שפּילן פּיאַנאָ און אַז ער האָט פאַרדינט אַביסל, און אַזוי איז זיך געגאַנגען די צייט — איך האָב געלעבט מיט דער האָפענונג צו זען מיינע קינדער אַלס נוצלעכע מענטשן אין דער געזעלשאַפט. מיין איינציקע טאָכטער האָט זיך געלערנט פאַר אַ "סקול טיטשער" און דער יינגסטער זון — פאַר אַ דראָגיסט.

אין 1920 האָבן די קינדער שוין געוואָלט אַ גרעסערע הויז. איך האָב פאַרקויפט דעם "קאַטעדזש" און מיט דער אויסרעכענונג אַז די קינדער וועלן מיר העלפן צאָלן דערפאַר, האָב איך געקויפט אַ גרעסער הויז.

באַלד נאָכדעם ווי איך האָב געקויפט דאָס הויז איז אויסגעבראָכן אַ סטרייק אין דער דרוקעריי וווּ מיין זון האָט געאַרבעט. ער איז אַרויס אין סטרייק, און ווען דער סטרייק איז געשליכטעט געוואָרן, האָט מיין זון זיין שטעלע ניט צוריקגעקראָגן, ווייל אַלע "סקעבס" (סטרייק־ברעכער) זיינען געוואָרן "שערהאָלדערס" (אַקציאָנערן).

איך בין געגאַנגען צו דער יוניאָן און זיי געפרעגט: וווּ איז די גערעכטיקייט? זייער ענטפער איז געווען, אַז זיי קאָנען גאָרנישט ניט העלפן דערין.

אַזוי איז מיין זון מיט נאָך צוויי יונגעלייט אַרומגעגאַנגען אַ יאָר צייט אָן אַרבעט. מיין יינגערער זון האָט נאָך פריער באַשלאָסן, אַז ער וויל ניט זיין קיין דרוקער, נאָר אַ פּיאַנאָ לערער. ער האָט חתונה געהאַט און איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס, וווּ מיין זון, וועלכער האָט קיין דזשאָב ניט געקאָנט קריגן, איז שוין געווען פון פריער.

דער יינגסטער זון האָט זיך געלערנט אַלס דראָגיסט און ווען ער האָט געהאַט בלויז נאָך איין יאָר צום גראַדויִרן, האָט ער זיך באַרעכנט, אַז כדי "צו סערווירן לאָנטשעס און פאַרקויפן אייז־קרים", דאַרף מען קיין אוני־ווערסיטעט בילדונג ניט האָבן. און אַזוי ווי ער האָט אויך געקאָנט גוט שפּילן פּיאַנאָ, איז ער אַוועקגעפאָרן אין די שטאַטן און דאָרט געשפּילט אין אַ בענד מוזיק. ווען די ראַדיאָס זיינען אַרויסגעקומען, האָט ער פון מוזיק שפּילן קיין לעבן ניט געקאָנט מאַכן, איז ער צוריקגעקומען צו דער מאַמען קיין וויניפּעג, וווּ ער איז עד־היום. ער איז אָן אַפּיס אָנגעשטעלטער.

מיין טאָכטער האָט געענדיקט אַלס ענגלישע שול־לערערין.

אַלע מיינע קינדער זיינען פאַרהייראַט און מאַכן אַ פיינעם לעבן. צוויי זין, דרוקערס, זיינען אין לאָס אַנדזשעלעס, איינער פון זיי האָט אַן אייגענע דרוקעריי; מיין טאָכטער איז אין ניו־יאָרק; מיין עלטסטער זון און דער יינג־סטער זון זיינען אין וויניפּעג.

איך האָב מיינע קינדער געגעבן אַ וועלטלעכע יידיש־נאַציאָנאַלע דערציִונג און זיי זיינען נוצלעכע מענטשן אין דער היגער געזעלשאַפט.

איך לעב מיר מיין אייגענעם לעבן. איך האָב פאַרקויפט דאָס גרויסע הויז מיט פופצן יאָר צוריק און אין 1927 בין איך געפאָרן באַזוכן מיינע קינ־דער אין לאָס אַנדזשעלעס, פון וואַנען איך האָב געשריבן מיינע איינדרוקן פונם דאָרטיקן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דער היגער יידישער פּרעסע. וועגן דער לאַגע פון יידישער דערציִונג דאָרטן, האָב איך געשריבן, אַז די 75 טויזנט יידישע משפּחות דאָרטן פאַרמאָגן אַ יידישע פאָלק שול, אַ תלמוד־תורה, אַן אַרבעטער רינג שול און אַ קאָמוניסטישע יידישע שול, וווּ עס לערנען זיך קוים — 500 קינדער. איך בין אויך געווען צוויי מאָל אין ניו־

יארק. ווען איך בין געקומען צוריק האב איך געקויפט א קאטעדזש ווו איך האב פאר זיך דריי צימערן.

איך גיב זיך נאך איצט אויך אפ צוביסלעך מיט געזעלשאפטלעכער און קולטורעלער ארבעט, אויף וועלכער איך האב תמיד געפונען צייט, אפילו ווען די קינדער זיינען געווען קליין. איך באלאנג צו עטלעכע פרויען ארגאניזאציעס, וועלכע איך העלף ארויס ביי פארשיידענע אונטערנעמונגען אויף וויפל מיינע אומשטענדן און כוחות דערלויבן מיר. איך גיב קליינע ביישטייערונגען דורך מיין האנט־ארבעט. איך פארקויף אליין די ראפלס פאר צענדליקער דאלארס, פארקויף בילעטן צו קולטורעלע, ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, באלאנג צו דער פרץ שול, ווו איך האב צוויי ווינטערן ארויסגעהאלפן דער באגאבטער לערערין, רבקה גאלאמב, אין די האנט־ארבעט קלאסן וואס זי האט אנגעפירט פאר די יינגערע קינדער.

איך רוף זיך אויך אפ אין דער לאקאלער יידישער פרעסע, מיט מיינע בריוולעך, אויף אלע פראבלעמען פון היגן יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן. איך בין שוין איצט 84 יאר אלט, און ווען איך צי אונטער דעם סך הכל פון מיין לעבן, זע איך אז קיין גרויסע טורעמס פון גליק האב ניט געהאט. איך האב איבערגעלעבט פיל טראגעדיעס, איך בין אבער אלעמאל געווען א "ספארט" און איך בין איצט אויך צופרידן. איך געדענק ווי מיין באבען איז ניט געפעלן געווארן די דאמאלסטדיקע אפיקורסישע וועלט, ווו איר אייניקל, וועלכע האט געלייענט טריף פסול, האט ניט געוואלט לייענען דעם טייטש־חומש . . . און מיר, איר אייניקל, מיט 75 יאר שפעטער, געפעלט אויך ניט די היינטיקע, ברוטאליזירטע וועלט פון מאטעריאליזם . . . ווער ווייס, אפשר־אפשר, וועלן מיינע אייניקלעך שוין ניט דארפן זאגן אזוי . . . לאמיר האפן ! . .

מיין באגעגעניש מיט מנחם־מענדל אוסישקין

אין 1980 בין איך געווען ביי אברהמעלע גרינבערג אין ברויט קאנטאר, אויף ניקאלייעווסקי בולוואר, און דארט האב איך זיך באקענט מיט מנחם־מענדל אוסישקין.

עס איז דאמאלסט געווען דער סאמע אנפאנג פון דער חיבת־ציון באוועגונג. אוסישקין איז דאמאלסט געקומען קיין אדעס און האט דארט ענערגיש אנגעפירט די באוועגונג צוזאמען מיט ליליענבלום און דר. פינסקערן, צו פאראינטערעסירן די אדעסער מיליאנערן זיי זאלן קויפן באדן אין ארץ־ישראל.

אברהמעלע גרינבערג איז געווען איינער פון די געציילטע מיליאנערן וועמען עס איז זיי געלונגען צו פאראינטערעסירן אין דער ארבעט. ער איז געווען מיינער א קרוב און איך פלעג אפט אריינקומען צו אים אין הויז.

מיין מאן האט דאמאלסט קיין שטעלע ניט געהאט, און איך בין געקומען צו אים ער זאל עפעס טאן פאר אונדז.

— איר זייט יונגע מענטשן, — זאגט צו מיר מיין קרוב, — פארט קיין ארץ־ישראל! עס גרינדעט זיך איצט א נייע קאלאניע, מיטן נאמען ראשון לציון, און מיר שיקן אהין יונגע מענטשן . . . קום אהער מיט דיין מאן, מארגן דריי אזייגער בייטאג. דא וועט אויך זיין מנחם־מענדל אוסישקין!

איך בין געקומען אין דער באשטימטער צייט. אברהמעלע גרינבערג האט מיך פארגעשטעלט פאר אוסישקינען. איך האב פאר זיך דערזען א שיינעם, פיזיש שטארקן, עלעגאנטן יונגנמאן.

— ווו איז דיין מאַן? — האָט ער מיך געפרעגט (גערעדט האָט ער אין רוסיש).

— ער זאָגט, — האָב איך אים געענטפערט, — אַז ער איז נאָך ניט קיין אַלטער ייד, ער זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל שטאַרבן. דאָס איז פאַר זיין זיידן, ניט פאַר אים!..

אוסישקין האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז עס קלינגט מיר נאָך איצט זיין געזונטער, יוגנטלעכער געלעכטער אין די אויערן, און ער האָט מיר געענטפערט:

— זאָג דיין מאַן, אַז ארץ־ישראל וועט די יוגנט בויען פאַר דעם יידישן פאָלק צו ל ע ב ן און צו שטאַרבן דאָרט אויף זיין אייגענעם באָדן!..

אוסישקינס חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַרום די לעצטע מינוטן פון זיין גלאָררייך לעבן. ער איז געווען יונג און האָט געבויט ארץ־ישראל. זיין נאָמען וועט זיין אַן אייביקער מאָנומענט ביים יידישן פאָלק.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט גאָלדפאַדענס משפחה

אין פאַרבינדונג מיט אברהם גאָלדפאַדען, דעם גרינדער פון דעם יידישן טעאַטער, איז ווערט צו דערמאָנען זיין מוטער, חנה־ריווע גאָלדפאַדען, וועלכע האָט געהאַט זייער אַ גרויסן חלק אין דעם וואָס איר זון האָט געשאַפן.

איך האָב געהאַט דעם גרויסן כבוד צו זיין פּערזענלעך גוט באַקאַנט מיט אברהם גאָלדפאַדענס עלטערן און דער גאַנצער משפחה, אין אָדעס, אין 1896, ווען זיי זיינען געהאַט אָנגעקומען אהין פון אַלט־קאָנסטאַנטין, וואָלינער גובערניע.

אַלע זייערע קינדער זיינען שוין דאַמאָלסט געווען צעשפּרייט אין גרויסער, ברייטער וועלט . . . נאָר איין טאָכטער, מרס. פעלדבערג, האָט דאַמאָלסט געוווינט מיט זיי אין אָדעס.

איך בין דאַן געווען אין מיין פריער יוגנט, און מרס. גאָלדפאַדען איז שוין געווען אין די הויכע זיבעציקער יאָרן. עס איז געווען מיין גרעסטער פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט איר אַ פּאָר שעה, ווייל זי איז געווען זייער אַ קלוגע, איידעלע פרוי, מיט אַ נאַטירלעכער איינגעבוירענער אינטעליגענץ.

זי האָט מיר שטענדיק דערציילט וועגן דעם שווערן קאַמף, וואָס זי האָט געהאַט מיט איר מאַן איבער אברהמלס דערציונג; ווי זי פלעגט גנבענען געלט ביי איר מאַן און שיקן עס אברהמלען, קיין זשיטאָמיר, אין דער ראַבינער שול, ער זאָל דאָרט קאָנען פאָרזעצן זיין לערנען . . .

וויפל ליטעראַטור און אָפּשאַצונגען איך האָב שוין געלייענט איבער גאָלדפאַדענען, האָב איך נאָך אין ערגעץ ניט געזען עס זאָל דערמאָנט ווערן זיין מוטער — חנה־ריווע גאָלדפאַדען — וועלכע האָט פאַר אים זייער פיל געלייסטעט אין אירע יונגע יאָרן.

זי איז געווען אַ בילד־שיינע, אַריסטאָקראַטישע, קלוגע פרוי.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט שלום עליכמען

מיט שלום־עליכמען האָב איך זיך באַקענט אין אָדעס מיט אַרום 50 יאָר צוריק. דאָס איז געווען אין דער דרוקעריי פון שווייצער און גאַלפּערין, אויף דער רישעליעווסקי גאַס.

איך האָב געלייענט זיינע איבערגעכאַפּטע בריוו, אין 1884, אין "יידישער פאָלקסבלאַט". ער איז געווען העכסט צופרידן וואָס איך בין געווען איינע פון זיינע ערשטע אַבאָנענטן אויף דער "פאָלקס־ביבליאָטעק".

מיין אכציק יאָריקער יוביליי

עדיטאָריעל אין "דאָס יידישע וואָרט"

די וואָס קאָנען זי — און זייער ווייניק יידן אין ווניפּעג קאָנען זי ניט, — וועלן קוים גלויבן, אז די תמיד יונגע און אקטיווע אסתר שעכטער ווערט שוין מאָרגן אכציק יאָר אלט. דאָס איז אָבער א פאקט, — זי איז גע־בוירן געוואָרן מיט אכציק יאָר צוריק, כאָטש זי האָט ארויסגעוויזן די זעלטענע פעיקייט צו באזיגן די יאָרן און זיין יינגער צו אכציק, ווי אנדערע צו זעכציק.

ניט א סך מענטשן זיינען זוכה צו אזא יונגן עלטער, בפרט ווען זיי דארפן דורכמאכן אזא שווערן לעבנס־וועג. ווי די חשובע יובילאַרין. זי האָט דאָס דערוויזן צו דערגרייכן א דאנק איר טיפן אינטערעס צום ארומיקן גע־זעלשאפטלעכן לעבן אין אלע זיינע דערשיינונגען און איינפלעכטן זיך אין אים, — און מענטשן וואָס קאָנען דאָס באווייזן ווערן ניט אלט.

היינט, צו 80 יאָר, איז מרס. שעכטער א סך אקטיווער אינם יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן, ווי פיל יינגערע פון איר. אין מוטער פאריין פון די פרץ פאָלק שולן, צווישן די פּיאָנערן פרויען און פיל אנדערע פרויען־אָרגאַ־ניזאציעס, איז זי איינע פון די אקטיווסטע און נוצלעכסטע מיטגלידערינס, און טראָגט צו צו זייער טעטיקייט מיט ארבעט און מיט געלט, וואָס זי מאכט פון איר אייגענער האנט־ארבעט. זי באזוכט מער יידישע לעקציעס, אונטער־נעמונגען און באנקעטן ווי אימעצער אנדערש, און וויל הערן און וויסן וואָס "אנדערע זאָגן", גיצענדיק אויך צו לעקציעס פון קעגנערישע ריכטונגען.

קיין פּאסירונג אויף דער יידישער און אלגעמיינער גאס איז ניט אויסער דער ספערע פון איר אינטערעס. מיט אלץ אינטערעסירט זי זיך און זי איז שטענדיק פארטאָן מיט געזעלשאפטלעכע פּראָבלעמען. איז עס א וואונדער, וואָס די עלטער האָט ניט קיין שליטה אויף איר ? . .

"דאָס יידישע וואָרט" האָט אין איר די געטרייסטע לעזערין און אויך מיטארבעטערין. און מיר באגריסן זי מיט באזונדער פארגעניגן צו איר אכציקסטן געבוירנטאָג.

און מיר זיינען זיכער, אז מיר קאָנעןריידן אינם נאָמען פון די פיל הונדערטער פריינט וואָס זי האָט דאָ דערוואָרבן, ווען מיר וועלן איר ווינטשן נאָך פיל יאָרן פון יוגנטלעכער אקטיוויטעט אויף דער היגער יידישער גאס. מיר ווינטשן איר געזונט צו קאָנען אָנגיין מיט איר אקטיוון לעבן, — ווייל דאָס איז דער סאמע תמצית פון איר לעבן: זי האָט זיך קיינמאָל ניט געיאָגט נאָך קיין אנדערע פארמעגנס, ווי דעם פארמעגן פון פריינט, און דער מעג־לעכקייט אויסצולעבן זיך געזעלשאפטלעך אין דער פולסטער מאָס.

"פראָנט פעידזש" נאָטיץ

פילצאָליקע פריינט און געזעלשאפטלעכע מיטארבעטער וועלן באגריסן אסתר שעכטער צו איר 80טן געבוירנטאָג, מאָרגן (שבת), כ"ה אלול.

צו איר 80טן געבוירנטאָג איז מרס. שעכטער איינע פון די אקטיוו־סטע פרויען אויף דער היגער יידישער גאס, און זי פארפעלט קיינמאָל ניט קיין פארזאמלונגען און לעקציעס אין וועלכע זי איז פאראינטערעסירט. זי איז באזונדערס אקטיוו ביים מוטער פאריין צווייג 1 פרץ־פאָלק שולן, צווישן די פּיאָנערן פרויען, אין די לייענקרייזן, אא"וו, און זי טראָגט צו איר ארבעט

איןביישטייערונגען צו פארשיידענע אנדערע טעטיקייטן אויף דער יידישער גאס.

"דאָס יידישע וואָרט" דריקט איר אויס הארציקסטע באגריסונגען און וואַרימסטע ווונטשן, אז זי זאָל נאָך זיין אקטיוו אויף דער היגער יידישער גאס פאר פיל יאָרן.

באגריסונגען

וויניפעג איז א שטאָט פון שיינע טעכטער און — יונגע באָבעס. ווען איך בין א ניו־יאָרקער שדכן, וואָלט איך אראנזשירט ספּעציעלע עקסקורסיעס מיט בחורים קיין וויניפּעג. און א פרוי, וואָס ביי אונדז וואָלט זי זיך נאָך געהאלטן אין מישב זיין צי זי זאָל האָבן א קינד צי ניט, איז זי אין וויניפּעג שוין א באָבע.

איך רעדט מיט א פרוי און איך טראכט צו זיך: זי קוקט אויס גאנץ יונג פאר אירע פערציק יאָר! דערציילט זי אייך באלד, אז איר זון איז אכט־און־צוואנציק יאָר, און איר אייניקל גייט שוין אין דער שול.

ס'איז דאָ אין וויניפּעג אפשר די עלטסטע יידישע לעזערין אין אמע־ריקע. זי איז געווען פון די ערשטע אבאָנענטן אמאָל, אין 1883, אויף שלום עליכמס פאָלקס־ביבליאָטעק. גייט זי נאָך היינט ארום פארקויפן בילעטן פאר א ליטעראַרישער אונטערנעמונג . . .

אין סט. אָגאָסטין, פלאָרידא, האָט מען מיר אָנגעוויזן דעם קוואַל פון אייביקער יוגנט. איך האָב פון דעם געטרונקען און עס האָט ניט געהאָלפן. איך האָב מורא, אז אָט דער קוואַל איז גאָר פארקראָכן קיין וויניפעג — און די פרויען ווייסן ווי צו טרינקען פון אים.

ב. צ. גאָלדבערג, אין "טאָג".

* * * * *

מיר ווילן זיך משתתף זיין מיטן גאנצן וויניפעגער יידישן ציבור און אויך מיט אונדזער היגער יידישער פּרעסע, וואָס האָט ערשט אָפיציעל גע־פייערט אייער 80 יאָריקן געבורטסטאָג.

דאָס איז געווים א וויכטיקע געשעעניש און א גרויסע זכיה וואָס לאו כל אָדם זוכה. אָבער איר, טייערע חברה אסתר שעכטער, מיט אייער שיינעם גייסטיקן לעבן, האָט עס כשר פארדינט.

אייער אויסערגעוויינלעכע ליבשאפט צום יידישן בוך, צום קינסטלע־רישן וואָרט; אייער איבערגעגעבענע ארבעט פאר יידישער דערציונג; אייער אינטעליגענטע מענטשלעכע באציונג צו מענטשן בכלל און צו חברים און חברות בפרט, האָט אייך באליבט געמאכט ביי דער גאנצער וויניפעגער יידי־שער געזעלשאפט, אומאָפּהענגיק פון ריכטונג און שאטירונג. דערפאר איז אונדזער וויניפעגער קהילה שטאָלץ מיט אייך. אייער גוטער נאָמען גייט שוין ווייט אריבער די גרעניצן פון אונדזער שטאָט. יידישער שרייבער, רעדנער, וואָס האָבן אין משך פון יאָרן באזוכט אונדזער וויניפעג, די "ירושלים דקאַ־נאַדע", ריידן וועגן אייך מיט גרויס דרך־ארץ. אויף דעם זאָגן עדות די צענדליקער בריוו וואָס איר באקומט נאָך היינט פון זיי.

ווינטשן מיר אייך פון אונדזער טיפסטן הארצן אז איר זאָלט נאָך

אויף לאנגע יאָרן קאָנען אָנהאַלטן אייער ענערגיע, אייער קולטורעלן און געזעלשאפטלעכן אימפּעט, ווי איר האָט עס פאַרמאָגט ביז איצט.

איר זאָלט נאָך דערלעבן צו זען אַ שענערע און בעסערע וועלט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט און אַ געזיכערטע יידישע היימלאַנד אין ארץ־ישראל פאַרן עם ישראל, וואָס דאָס איז אייער שטענדיקער טרוים.

און מיר אַלע זאָלן נאָך זוכה זיין צו פייערן מיט אייך אייניקעם אייער הונדערטסטן געבורטסטאָג. אָמן!

פאַליק, פרידע זאָלף און קינדער.

אונטערנעמונגען לכבוד דעם יובל

דער מוטער פאַריין קאונסיל האָט באַשלאָסן צו פייערן דעם 80־יאָריקן יובילײ פון אונדזער חברה אסתר שעכטער, וואָס אַרבעט מיט אונדז אייניקעם פאַר דער יידישער קולטור און דערציונג שוין איבער 30 יאָר (ביז 120). דערביי וועלן מיר היינטיקן זונטיק, נאָוועמבער 3טן, פון 2 נ"מ ביז שפּעט אין אָוונט, אין פּרץ זאַל, דורכפירן אַ טיי וואָס וועט זיין אַנדערש פון אַלע טייען פון אַ גאַנץ יאָר. די גאַנצע הכנסה גייט צו דעקן דעם בודזשעט פון דעם נאָר־וואָס געגרינדעטן יידיש־העברעישן לערער־סעמינאַר.

מיר בעטן אייך, קומט אַליין און ברענגט מיט אייערע פריינט און באַקאַנטע. דערמיט וועט איר אויסדריקן כבוד צו אונדזער יובילאַרין און אויך פאַרזיכערן דעם קיום פונם לערער־סעמינאַר.

* * * * *

מיר באַדאַנקען דעם מוטער פאַריין קאונסיל ביי די פּרץ פאָלק שולן.

צוויי גרויסע זאַכן האָט דער קאונסיל אויפגעטאָן דורך איין אונטער־נעמונג: געפייערט דעם 80טן געבורטסטאָג פון אונדזער אייביק יונגער אסתר שעכטער, וואָס האָט פאַרדינט אַ יובילײ. ניט אומזיסט האָט דער עולם וואָ־רים און אויפריכטיק אפּלאָדירט אירע ווערטער: "איך בין 20 יאָר אַלט. מען דאַרף אַרבעטן ביז 80 יאָר צו קאָנען בלייבן יונג". מיר ווילן איר ווינטשן, אַז ביים 90טן געבורטסטאָג און שפּעטער ביים 100טן געבורטסטאָג, זאָל זי קאָנען איבערחזרן די זעלבע ווערטער.

אויב עס איז ערגעץ מעגלעך אַ קאָמבינאַציע פון "ביזנעס" מיט "פּלעזשור", איז דאָס דערגרייכט געוואָרן זונטיק אָוונט. נאָענט צו $350 איז געשאַפן געוואָרן פאַרן לערער סעמינאַר אין מאָנטרעאַל, וואָס איז דער יובילאַרין אַזוי ליב. קיין שענערע מתנה פאַר איר האָט דער קאונסיל ניט געקאָנט צוטראָגן.

באַגריסן מיר האַרציק די פיר מוטער פאַריין צווייגן מיטן מאָראַלישן און פינאַנציעלן דערפאָלג. אַזעלכע אונטערנעמונגען גיבן צו פיל מוט אין היינטיקע שווערע ציַיטן. מיר ווינטשן זיי דאָס זעלבע, וואָס מיר ווינטשן אסתר שעכטער: צו דערלעבן פייערן ניינציק און הונדערט יאָריקע יובילייען.

מיט קולטור גרוס, פאַרן לערער סעמינאַר,

ראובן מאָזער, פּאָרזיצער.

משה קאַנטאָר, סעקרעטאַר.

דאנק־אויסדרוקן

איך באדאנק הארציק די משפחה פון "דאָס יידישע וואָרט" פארן גרויסן כבוד וואָס מ'האָט מיר צוגעטיילט צו מיין 80טן געבורטסטאָג, ווי אויך פאר דער מתנה — צוויי בענדער "דער מאן פון נוצרת", פון שלום אש. עס איז פאר מיר געווען א גרויסע איבערראשונג צו זען דעם עדיטאָריעל אין דער פרייטיקדיקער אויסגאבע פון אונדזער חשובער צייטונג, געשריבן פון אונדזער חשובן רעדאקטאָר, ש. מ. זעלטשען. שבת, 12 אזייגער איז אין אָפיס פון דער רעדאקציע פאַרגעקומען א פארווײַלונג מיט געלאדענע געסט, וועלכע האָבן מיך באגריסט, ווי מ. א. גרעי, מל"א; א. אסאווסקי, ב. מילער, דער רעדאקטאָר (וועלכער איז צוליב מיין כבוד געקומען שבת אין אָפיס) א"א. הערי שטיינבערג, וועלכער האָט פארשפעטיקט, איז געקומען מיט מרס. שטיינבערג צו מיר אהיים, מיר געבראכט א מתנה (תורה מיט מפרשים, פון דוד דרוק), און מיך באגריסט: מר. און מרס. פ. סימקין (פארוואלטער פון דיי"וו), מיינע פריינט פאר די לעצטע 38 יאָר, זיינען געווען זייער יום־טובדיק געשטימט, מיט געדעקטע טישן, מיט געטראנקען און צובייסן, ווו דער גאנצער סטעף האָט פארבראכט און מיך באגריסט.

די איבערראשונג איז פאר מיר געווען זייער גרויס און עס האָט מיך געבראכט ביז טרערן. אפשר האָבן זיי געמאכט א טעות, האָב איך זיך גע־טראכט.

ווען איך בין אהיימגעקומען האָב איך געטראָפן א צאָל בוקעטן בלו־מען, איינשליסנדיק איינעם פון משה און סאָניע גרעי, און שבת און זונטיק האָב איך דערהאלטן פיל טעלעגראַמעס און נאָך בלומען פון פארשיידענע אָרגאניזאציעס, אפילו פון אזוינע ווו איך באלאנג ניט, און אויך פון יחידים.

ווו נעמט מען די ווערטער, מיינע ליבע פריינט, צו קאָנען אויס־דריקן מיין הארציקן דאנק. איך ווינטש אייך, אז די יאָרן וואָס איר דארפט נאָך לעבן ביז 80 און דערנאָך ביז 120, זאָלט איר לעבן מיט אייערע פאמיליעס, מיט געזונט און פיל פרייד און ברענגען נוצן דער געזעלשאפט אין א שע־נערער און א בעסערער וועלט און דערלעבן צו זען דאָס יידיש פאָלק באגלייך מיט אלע פעלקער.

צו מיינע פריינט וואָס האָבן מיך באגריסט דורכן טעלעפאָן און זיי־נען מיך מקנא, וויל איך זאָגן ווי איך בין געקומען צו אזא גדולה: איר קאָנט עס אויך דערגרייכן — איר דארפט נאָר וועלן . . . מיינע פערזענלעכע פריינט איז גוט־באקאנט מיין שווער לעבן, מיט יאָרן צוריק, ווען איך האָב געדארפט זאָרגן פאר מיין עקזיסטענץ און פאר די קינדער וואָס זיינען נאָך ניט געווען זעלבסטשטענדיק. איך האָב שווער געארבעט, געקעגנוועסט פאר שנה־טובהס, געווען א געהילף קאָלעקטאָר אין פיפלס בוק סטאָר פארן "טאָג", געגאנגען צו איטאָנס יעדער טאָג נאָך בארגנס און זיי פארקויפט צו מרס. האלפערין; מיט 27 יאָר צוריק איז לעבן מיר געווען א פאבריק ווו מ'פלעגט פארלאָטען אלטע זעק — האָב איך דאָרטן אויך געארבעט . . . איך האָב אָבער אויך אכטונג געגעבן אויף מיין גייסטיקער שפייז, און פלעג גיין צו לעקציעס און קולטורעלע אונטערנעמונגען און פלעג אויך מיין ווירטשאפט ניט פאר־נאכלעסיקן — איך האָב צייט געהאט אויף אלעמען . . . ווייל איך האָב קיין קאָרטן ניט געשפילט, ניט געגאנגען זוכן נייע סטיילס פאר קליידער און ניט

נערעדט אויפן טעלעפאָן מיט די שכנים . . . איך פלעג גיין שלאָפן 1 אזייגער און אויפשטיין 7 — האָב איך גענוג צייט געהאַט.

אונטערציענדיק דעם סך־הכל פון מיין לעבן — אן אָרים לעבן, אָבער רייך אין גייסט. אַלץ געזען און געהערט. אויף אַן עראָפּלאַן בין איך נאָך ניט געפלויגן, האָף איך נאָך צו פליען קיין לאָס אַנדזשעלעס. איך בין דאָרט געווען מיט 18 יאָר צוריק און באַוווּנדערט די שיינקייט פון דער נאַטור. איך בין צוויי מאָל געווען אין ניו־יאָרק און אויך דאָרט באַזוכט לעקציעס און סימפּאָזיומס.

איך פיר מיר אַליין מיין ווירטשאַפט און באַאַרבעט אַ גאָרטן פאַר מיין געברויך. איך קאָן שוין ניט לויפן — גיי איך מיט אַ שטעקן, אָבער איך קום נאָך צו לעקציעס, באַנקעטן, לאַנטשעאָנס, פאַרקויף ראַפלס צו מיינע צאָלרייכע פריינט און נעם אָן שנה־טובה אָרדערס פון מיינע פריינט וואָס טעלעפאָנירן מיר וועגן דעם. מיין פיזישע שפּייז פאַרזאָרגט פאַר מיר די רעגירונג דורך איר עלטער פּענסיע . . .

ווי איר זעט, מיינע פריינט, קאָן מען קומען צו גרויס כבוד אפילו ווען מען איז ניט רייך. איך גיב דערפאַר אַ יישר־כוח צו פיל געזעלשאַפטלעכע פרויען וואָס אַרבעטן לטובת הכלל. מען דאַרף נאָר וועלן, וועט איר ניט דאַרפן מקנא זיין.

מיינע האַרציקסטע ווונטשן צו מיינע פיל פריינט, אַז דאָס נייע יאָר זאָל זיי ברענגען פיל פרייד און אַ ישועה צו אונדזער פאָלק ישראל.

* * * * *

איך דריק אויס מיין עפנטלעכן דאַנק צו אַלע די וואָס האָבן אַנטייל גענומען פונם 20טן סעפּטעמבער ביז איצט, אין דער פייערונג פון מיין 80טן געבורטסטאָג. עס קומען מיר נאָך איצט אָן בריוו פון פריינט אויף טויזנטער מיילן ווייט, פון מעקסיקאָ, פון לאָס אַנדזשעלעס און פון ניו־יאָרק. איך וויל אויך באַדאַנקען אַלע אָרגאַניזאַציעס ווו איך באַלאַנג פאַר דעם גרויסן און אומפאַרגעסלעכן כבוד וואָס זיי האָבן מיר צוגעטיילט; צו דער משפּחה "דאָס ייִדישע וואָרט"; צו די מוטער פאַריינען פון פּרץ פאָלק שולן, פאַר דורכפירן די טיי נאָוועמבער, דעם 3טן, אין מיין נאָמען לטובת דעם לערער־סעמינאַר, וועלכע האָט אַריינגעבראַכט ‎$350‎ , און פאַר וועלכער פיל פריינט גיבן מיר נאָך איצט אָפּ זייערע ביישטייערונגען; די פועלי ציון פּיאָנערן פרויען, וואָס האָבן געמאַכט אַ פאַרוויילונג לכבוד מיר אין דער היים פון מרס. גרינבערג, ווו 50 חברות זיינען אָנוועזנד געווען און מיך פאַרשריבן אינם ספר הזהב פונם נאַציאָנאַל פאָנד; דעם הדסה קאָונסיל, וועלכער האָט מיר צוגעשיקט אַ סערטיפיקאַט אויף 18 ביימער געפלאַנצט אויף מיין נאָמען אין ארץ־ישראל; דעם מוטער פאַריין פון פּרץ פאָלק שול (צווייג 1), וואָס האָט מיך פּרעזענטירט מיט אַ געדרוקטן אַדרעס אין אַ שיינער ראַם, פאַר מיין אַרבעט לטובת דער שול; דעם לייוויק לייענקרייז, פאַר מאַכן מיך אַ לעבנסלענגלעכע מיטגלידערין און דער ווערטפולער מתנה . . .

איך דאַנק האַרציק אַלע מיינע פריינט וואָס זיינען געקומען צו דער טיי און געמאַכט די אונטערנעמונג אַ דערפאָלג. איך בין ניט בכוח צו באַדאַנקען אייך אַלעמען פּערזענלעך. איך ווינטש אייך צו דערלעבן אַ טיפע עלטער מיט געזונט און אַ שענערער און יושרדיקער וועלט און איר זאָלט אימשטאַנד זיין בייצוטראָגן אייער אַרבעט פיזיש און גייסטיק — דאָס וועט זיין אייער מאָנומענט נאָך 120 יאָר.

דערציילונג און קאָרעספּאָנדענצן

פסח צוגרייטונגען ביי אונדז אין הויז

אין אונדזער שטעטל, מעזשביזש, האָבן זיך געפונען די דינאַסטיעס פון ר׳ ישראל בעל שם טוב און פון דעם אַפּטער רב. עס האָבן זיך דאָרט אויך געפונען אויך חסידים פון פאַרשיידענע אַנדערע דינאַסטיעס, ווי רוזשינער, טאַלנער און אַנדערע.

אינם שטעטל איז אויך געווען א רבי וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פונם אַפּטערס דינאַסטיע. די רביצין איז געווען די טאָכטער פונם רוזשינערס עלצטן זון. דער דאָזיקער רבי האָט זיך געהאַט זיין קלויז, וווּ ער האָט געדאַוונט מיט זיינע חסידים. פון אַלע שטעטלעך אין דער סביבה ארום פלעגן קומען חסידים צום רבין זיך "פּראַווען", און דאָס שטעטל האָט דערפון געהאַט שיין פרנסה.

עס איז אויך געווען ביי אונדז אין שטעטל א גרויסע שול און א קליין שולכל.

עס איז נאָך אויך געשטאַנען דעם בעל שם טובס בית מדרש, וואָס איז שוין געווען זייער־זייער אַלט. די חסידים האָבן דערציילט, אז דער בעל שם טוב האָט אָנגעזאָגט, אז ביז דאָס בית מדרש וועט ניט איינפאַלן, זאָל מען עס ניט פאַרריכטן. מען האָט נאָך געדאַוונט אין דעם בית־מדרש.

עס איז אויך געווען א קלויז וואָס האָט געדאַוונט נוסח אשכנז. אין דער דאָזיקער שול האָט אויך מיין פאָטער געדאַוונט, און דערפאַר האָבן אים די חסידים אָנגערופן "אפּיקורס". דאָרט האָט אויך געדאַוונט דער רב, הרב אברהם־בער ביק, וועלכער איז ארויסגעקומען פון דער גזע פון ר׳ יעקב עמדין, און אין דער דאָזיקער קלויז האָט מען דערפאַר געדאַוונט לויט ר׳ יעקב עמדינס סידור.

אזוי האָט אונדזער שטעטל, מעזשביזש, אויסגעזען מיט 80-75 יאָר צוריק.

פון די מנהגים און צוגרייטונגען אויף פסח, ביי אונדז אין הויז, ווי אינם גאַנצן שטעטל בכלל, געדענק איך אז שוין באַלד נאָך שבועות האָט מען זיך גענומען גרייטן צו דעם דאָזיקן גרויסן און פראַכטפולן יום־טוב. דאָס איז געווען דער סעזאָן פון רויטע ווייַנשל און מיין מוטער פלעגט דאַמאָלסט שטעלן פסחדיקן ווישניאַק און פּרעגלען "ווארעניע" (איינגעמאַכץ).

אינם חודש אלול, ווען עס קומען ארויס די גרינע אוגערקעס, האָט מען געזייערט אוגערקעס אויף פסח.

חנוכה האָט מען געקויפט לעבעדיקע גענדז, זיי פאַרזעצט אין שטייגן אויף דריי וואָכן און זיין געהאָדעוועט זיי זאָלן ווערן פעט.

ראש חודש שבט פלעגט קומען דער שוסטער נעמען א מאָס אויף נייע שיך אויף פסח פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. די מאַמע פלעגט דערנאָך גיין אין שניט־קראָם איינקויפן סחורה אויף נייע מלבושים לכבוד פסח, און עס אָפּגעבן דעם שניידער באַציייטנס אויפצונייען עס.

דעם ערשטן טאָג פורים האָט מען שוין געשטעלט פסחדיקן באָרשטש, אין א פעסעלע — כדי עס זאָל זיין גענוג אויך פאַר אָרעמע־לייט . . .

מעות־חיטין האָט יעדער באַלעבאָס געזאַמלט אין זיין שול אָדער קלויז, און עס אוועקגעגעבן צו דער קהילה. די קהילה האָט שוין אויסגעפונען וועמען מען דאַרף געבן שטיצע אויף "צו מאַכן פסח".

מצות פלעגט מען אנהויבן באקן צוויי וואכן פאר פסח.

אנגעפירט דער מיט האט א "פאדראטשיק" (אונטערנעמער). ער פלעגט אפדינגען פאר דעם א גרוים הויז, מיט גרויסע צימערן, און אנשטעלן ארעמע פרויען אויף צו קאטשען די מצות, און מענער אויף צו קנעטן די מעירעס, ריגלען די מצות און שיבערס צו זעצן און באקן די מצות אין אויוון. יעדער באלעבאסטע איז געקומען און באשטעלט וויפל מצות זי דארף און האט אליין אכטונג געגעבן ביז מען האט די מצות אפגעבאקן. עס זיינען געווען צוויי סארטן מעל, וואס מען האט גענוצט אויף מצות: טונקעלע און ווייסערע. נאך דעם אפבאקן די מצות, אויב די באלעבאסטע איז געווען א פארמעגלעכע פרוי, פלעגט זי געבן בראנפן־געלט (א טיפ) פאר די ארבעטער. א סך ארעמע מענטשן אין שטעטל פלעגן ביים מצה "פאדראד" פארדינען אויף יום־טוב.

די מצות האט מען געהאלטן ביי אונדז, אין קיך, וווּ עס איז געווען א גרויסע שאפע, וווּ מען האט אויך געהאלטן דאס פסחדיקע געשיר. א גאנץ יאר איז די דאזיקע שאפע געווען פארשלאסן; די טעפ וואס מ'האט באנוצן צום קאכן אום פסח, האט מען געהאלטן אין קעלער — אויך אין א פארשלאסענער שאפע.

צוויי וואכן פאר פסח האט מען געקויפט א פארל — צוויי הינדיקעס — אויף צו האדעווען אויף פסח, און מען האט געשטעלט וויין פון גרויסע ראז־זשינקעס, אין גרויסע באטלס פון עטלעכע קווארט. וויין אויף ארבע־כוסות אבער און אויך פסחדיקן בראנפן, האט מען געקויפט אין וויין קעלער, וועלכער פלעגט דאס אימפארטירן פון ארץ־ישראל.

די צימערן זיינען ביי אונדז אין הויז געווען געמאלן און די קיך א געקאלכטע. די ווענט פון די צימערן פלעגט מען וואשן און די קיך פלעגט מען אויסקאלכן אויף יעדער פסח.

צוויי טעג פאר פסח האט מען געכשרט דעם אויוון. א גאנצן טאג האט מען געברענט האלץ, ביז דער אויוון פלעגט ווערן ווייס פון היץ. אין קיך איז געשטאנען א גרויסע פאס פאר וואסער א גאנץ יאר. ווען דער וואסער־פירער פלעגט ברענגען וואסער אויף פסח איז די פאס געכשרט געווארן מיט א צע־גליטער שטיק אייזן אויף וועלכער עס פלעגט ארויפגעגאסן ווערן זודיקע וואַ־סער. די פאס איז ארומגעבונדן געווארן מיט א זיפ פון נייער ווייסער לייוונט און דורך אט דער זיפ פלעגט מען דורכזייען דאס וואסער.

צו בדיקת חמץ איז שוין דאס גאנצע הויז געווען פסחדיק. ווען דער טאטע איז געקומען פון קלויז, נאך מעריב, האט ער צעלייגט שטיקלעך ברויט אויף די פענצטער און א קינד איז דערנאך נאכגעגאנגען מיט א ליכטל, און דער טאטע נאך אים, פון פענצטער צו פענצטער, מיט א סידור און א הילצערנער לעפל אין האנט און מיט א גרויסן פעדער ארייננעשארט די שטיקלעך ברויט אינם לעפל, פארבונדן מיט א ווייס שטיקל לייוונט און עס אוועקגעלייגט אויף מארגן צו פארברענען דעם חמץ. דער חמץ איז פארקויפט געווארן דעם רב דורך א שטר מכירה.

אויף מארגן, ערב פסח, איז מיין טאטע געגאנגען אין קלויז, ווי אלע טאג, אבער ערב פסח האט ער זיך גערארפט אויסקויפן, ווייל ער איז געווען א בכור. די באבע האט אים מיטגעגעבן געבעקס וואס מען האט איבערגעלאזן ספעציעל דערפאר פון פורים — פלאדן און אנדערע געבעקס.

ווען דער טאַטע איז געקומען פון קלויז האָט ער אָפּגעגעסן, פאַרברענט דעם חמץ, און אויב מען האָט איינגעקויפט נייע גלאָזוואַרג (דישעס), איז ער געגאַנגען צום טייך זיי טובלען. אויפן קיך־טיש האָבן מיר געהאַט אַ פּסחדיקע ברעט פון יאָר־צו־יאָר, און די באָבע פלעגט זאָגן, אַז דער וואָס נעמט די ברעט אַרויף פון קעלער, זאָל עס צוריק אַראָפּטראָגן, ווייל מען דערלעבן איבער אַ יאָר און עס ווידער טאָן אַזוי . . .

דער טאַטע האָט דאַן גענומען די ברידערלעך און איז מיט זיי געגאַנגען אין מרחץ, מיטנעמענדיק נייע, ווייסע וועש.

ביי אונדז אין הויז איז געווען אַ קריסטלעכע ניאַניע צו די קינדער. זי האָט אויך אָנגעטאָן אַנדערע קליידער, זיך גוט אַרומגעוואַשן און אַרויסגעהאָלפן אין קיך.

מיר האָבן גענוצט דאָס גרויסע, הילצערנע שטיסל צו מאַכן מצה־מעל און מען האָט זיך געשטעלט קאָכן די געפילטע פיש, יויך פון הינדיק, קוגעלעך און קאָמפּאָט פון פלוימען. די באָבע אַליין האָט צוגעגרייט די חרוסת פון וועלשענע ניס מיט צימרינג; דעם כריין, אויף מרור; געריבענע כריין, אויף כרפס; געקאָכטע קאַרטאָפל און אַ גערגעלע פון דער הון פאַר אַן ערב תבשילין און דאָס אַלץ אויסגעלייגט אויף אַ טעלער.

ווען דער טאַטע מיט די ברידערלעך זיינען געקומען פונם מרחץ, האָט מען פאַר די קינדער געפּרעגלט מצה אָדער קאַרטאָפל מיט שמאַלץ. דער טאַטע האָט בלויז געטרונקען אַ גלעזל טיי, גענומען אַ ספר אין האַנט און זיך געלייגט אויף דער קאַשעטקע. די קינדער האָט מען אָנגעטאָן די נייע מלבושים און די נייע שיך.

באַלד איז מען געגאַנגען צוגרייטן די עסע־בעט מיט גרויסע קישנס. דעם טיש האָט מען פאַרשפּרייט מיטן שענסטן און בעסטן טישטוך. די מצות האָט מען איינגעוויקלט אין אַ שיין־אויסגענייט האַנטיכל, אין דריי טיילן. דאָס הויז איז געווען באַלויכטן פון אַ גרויסן בליי־לאָמפּ און די זילבערנע לייכטער. אויפן טיש זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט די כוסות, פאַר די קינדער קלענערע און פאַר די עלטערע גרעסערע, און פאַר אליהו הנביא — אַ גרויסער, זילבערנער בעכער. דער טאַטע איז אַוועק מיט די ברידערלעך צום דאַווענען.

ווען דער טאַטע איז געקומען פונם דאַווענען האָט ער אויסגעטאָן די קאַפּאָטע און אָנגעטאָן אַ ווייסן קיטל מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ, און זיך געזעצט אויף דער עסע־בעט. די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך דאַן אויסגעזעצט יעדערער אויף זיין אָרט. קיין געסט האָט מען צו די סדרים ניט איינגעלאַדן. מען האָט צוגעטראָגן אַ גרויסע שיסל און אַ קוואָרט וואַסער צום טיש און דער טאַטע האָט זיך געוואַשן די הענט.

מען האָט אָנגעגאָסן פון דער געשליפענער גראַפינקע די כוסות מיט ווין און מ'האָט אָנגעפאַנגען זאָגן די הגדה. מיין 6־יאָריק ברודערל האָט געפרעגט די פיר קשיות און די הגדה האָט נאָכגעזאָגט די גאַנצע פאַמיליע. נאָכן ערשטן טייל פון דער הגדה האָט מען ווידער צוגעטראָגן די שיסל וואַסער צו דער עסעבעט, דער טאַטע זאָל זיך וואַשן די הענט.

מען האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל מצה און באַהאַלטן עס פאַר אַן אַפיקומן, אַרונטערלייגנדיק עס אונטערן קישן פון דער עסע־בעט.

די מאכלים זיינען געווען פיש, יויך פון הינדיקעס, קניידלעד, קוגעלעד, קאמפאט פון פלוימען און פאסטערנאק־צימעס. איך געדענק אז נאר צום סדר האט מען געגעסן פאסטערנאק־צימעס.

צו שפוד חמתד האבן זיך אלע אויפגעשטעלט און איך, די עלטסטע, בין געגאנגען עפענען די טיר. מיר, קינדער, האבן געקוקט דערנאך צי אין אליהו הנביאס כוס איז געווארן ווייניקער ווין . . .

דער צווייטער טייל פון דער הגדה איז געזונגען געווארן ביז שפעט אין דער נאכט.

די בייטאגיקע מאכלים זיינען אויך באשטאנען פון פיש, יויך, הינדיק, קעזלעד פון זויערע בוריקעס און כרעמזלעד פון מצה־מעל מיט אייער און שמאלץ, געפרעגלט אין האניק. צום צווייטן סדר האט מען געקאכט א בארשטש פון בוריקעס אויך מיט הינדיק אדער הון. אלע מיטגלידער פון דער פאמיליע האבן אפגעהיט די פסח מנהגים.

חול המועד פסח זיינען אין שטעטל די קלייטן (סטארס) געווען אפן. די מאכלים זיינען געווען בארשטש, קניידלעד מיט שמאלץ, א קוגל פון מצה מיט לעבער, געבראטנס פון רינדערנע פלייש. די צווייטע טעג פסח איז שוין ווידער געווען פיש, יויך הון אדער הינדיק, קעזלעד און כרעמזלעד.

חול המועד פסח פלעגט קומען דער מלמד באשטעלן זיינע תלמידים פארן זמן, און ווער עס האט געוווינט אין א געדונגענער דירה פלעגט גיין דינגען דאס הויז פאר די צווייטע זעקס חדשים. די קינדער פלעגן ניט גיין אין חדר חול המועד פסח — זיי פלעגן שפילן אין ניס. די ביי וועמען די קינדער זיינען געווען פארקנסט, פלעגט מען אראפברענגען צו גאסט דעם חתן אדער די כלה, אויב זיי זיינען געווען פון אן אנדער שטאט (אבער ניט ביי חסידים).

אחרון של פסח פלעגט מען שוין גיין צו גאסט איינער צום צווייטן.

אט די אלע מנהגים האב איך געזען ביי מיינע עלטערן אין הויז און איך האב זיך באמיט אנצוהאלטן די דאזיקע טראדיציעס און זיי איינפלאנצן אין מיינע קינדער, אבער עס איז שוין ניט דאס זעלבע וואס איך האב געזען ביי מיינע עלטערן.

מיינער א פעטער, א טריסקער חסיד, האט געגעסן שמירה־מצה, איז פאר אים געווען א באזונדער טעפל און א לעפל מיט א טעלער. גאנץ פסח האט ער ניט געגעסן קיין זאך וואס איז געמאכט געווארן פון מצה־מעל און דאס גאנצע הויז־געזינט האט ניט געטארט עסן גארניט וואס איז געווען מיט מצה פארבראקט. נאר אחרון של פסח האט מען שוין געמעגט עסן קניידלעד און קוגעלעד פון מצה־מעל.

מיין באבע האט מיר דערציילט, אז ביי א שכן, ווען מ'האט געעפנט די טיר פאר אליהו הנביא איז אמאל די ציג אריינגעקומען אין שטוב. האט מען זי ניט ארויסגעלאזט און ווען מען איז געגאנגען זען צי די ציג איז דא אין שייער האט מען זי דארט געטראפן . . . מען האט געזאגט אז אליהו הנביא האט זיך פארשטעלט פאר ציג . . .

א בריוול פון ניו־יארק

איך בין שוין אכט טעג אין ניו־יארק. אלע נייעסן ווייסט איר אן מיר.

איך טראַכט אָבער אַז דאָס וואָס איך האָב געזען, איז דאָס אַ נייעס פאַר מיר. ביז דעם שבת איז דאָ געווען פּונקט ווי אין קאַליפאָרניע, אָבער נעכטן, שבת, איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי אויף צוויי אינטשעס, עס איז געווען אביסל קאַלט, אַזוי ווי ביי אונדז — אין יוני. פאַר די קינדער איז דאָס געווען זייער אַ גרויסער יום־טוב. טויזנטער קינדער פאָרן אין די גאַסן מיט שליטעלעד און וואַרפן זיך מיט שניי־קוילן. אַ מוטער האָט געוואָלט אַריינעמען איר קינד אין הויז, האָט דאָס קינד געוויינט און ניט געוואָלט אַריינגיין, ווייל שפּעטער וועט דער שניי צעגיין און ער וועט זיך ניט האָבן מיט וואָס צו שפּילן . . .

זונטיק, פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, זיינען אַרומגעלאָפן קליינע יינגלעך מיט נאַציאָנאַל־פאָנד פּושקעס. עס איז געווען אַ טעג־טאָג. די קינדער זיינען געווען אינם עלטער פון אַכט ביז צוועלף יאָר. מען האָט מיר געזאָגט, אַז נאָר קינדער זיינען די זאַמלער. זיי זיינען אַרומגעלאָפן איבער אַלע עלעוועיטאָרס און די סאָבוועיס.

אַ לערער פון קישענעווער תלמוד תורה האָט מיר געזאָגט אַז עס לערנען ביי אים 70 קינדער — 69 פון זיי צאָלן ניט און אים קומט שוין פאַר זעקס חדשים שכירות. מעגן מיר, אין וויניפּעג, שטאָלצירן מיט אונדזער צאָלן די לערער זייער געהאַלט רעגולער אין אַלע יידישע שולן . . .

אין די טעאַטערס, בעת די אַנטראַקטן, ווייזט מען פּלאַקאַטן — הוווער אַלס פּראָהיבישאָניסט און רוזוועלט מיטן ביר . . .

— ניו־יאָרק, 1927.

* * * * *

איך בין געווען אין ניו־יאָרק ביי אַ חנוכה קאָנצערט. אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, לכבוד דער ערשטער דערוויילונג פון הערבערט לעהמאַן אַלס גאָווערנאָר פון ניו־יאָרק. צענדליקער מיידלעך, פון די "מאַכאַבייער", זיינען אַרומגעלאָפן איבערן זאַל און פאַרקויפט בלומען. דער מעדיסאָן סקווער גאַרדן נעמט אַריין אַרום 30,000 מענטשן און איז געווען איבערגעפּאַקט. אינם קאָנצערט האָבן זיך באַטייליקט אַ צענדליק וועלט־באַרימטע קינסטלער, און דאָס פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן פּונקט 8.30. וואָס מיך האָב שאָקירט איז, וואָס מענטשן זיינען געקומען צו הערן בלויז זייערע באַליבטע קינסטלער, און דאָס האָט געשאַפן אַ כאַאָס אין זאַל צוליב דער אימיגראַציע — מענטשן זיינען אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען אין צווישן די נומערן. חזן יאָסעלע ראָזנבלאַט האָט געבענטשט חנוכה ליכט, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. שפּעטער אינם פּראָגראַם איז אַריינגעקומען הערבערט לעהמאַן, אין באַגלייטונג פון אַ "גאַרד אָף האָנאָר", און די אָוואַציע וואָס ער האָט דאַן געקראָגן איז עטוואָס וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען און איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן . . .

אין דער זעלבער צייט האָב איך געלייענט אין "פאָרווערטס", אַז לאָרד מאַרלי קומט פון ענגלאַנד קיין ניו־יאָרק צו דער "אָרט" קאָנפערענץ. מיט גרויס מי, נאָכדעם ווי איך האָב אַ צייט געבלאָנדזשעט, האָב איך אָפּגעזוכט דעם אָפיס פונם "אָרט" און אַריינקומענדיק, האָב איך געזאָגט, אַז איך בין פון וויניפּעג און וואָלט געוואָלט הערן לאָרד מאַרלים לעקציעס (אַלע בילעטן זיינען שוין געווען אויספאַרקויפט מיט וואָכן פאָרויס). די אָפיס סעקרעטאַרשע האָט מיר געוויזן אַ טעלעגראַמע פון וויניפּעג, פון דר. דזשענאָף, וועלכע

בעט אז לאָרד מאָרלי זאָל אויך באזוכן וויניפּעג. זי האָט מיך אויך באזאָרגט מיט א טיקעט צו דער לעקציע אינם אסעמבלי זאָל פונם טעמפּל עמנואל.

לאָרד מאָרלי, א הויכער, א שיינער מאנסאפּרשוין, האָט דעפּערירט וועגן דער נוצלעכקייט פון דעם "אָרט", און אזוי ווי עס איז יענעם טאָג געווען לאָרד מאָרלים געבורטסטאָג, האָט מען נאָך דער לעקציע אריינגעבראכט א ריזיקן געבורטסטאָג לעקעך. לאָרד מאָרלי האָט אָפּגעשניטן דאָס ערשטע שטיקל לעקעך און דערנאָך האָט מען געטיילט לעקעך צום עולם, יעדערן א שטיקל, פאר וועלכן מען האָט ביי‌געשטייערט פאר דער "אָרט" ארבעט, יעדערער לויט זיין פארלאנג. אויך איך האָב געקויפט א שטיקל לעקעך און אפילו צוגעשיקט א שטיקל דערפון צו אונדזער חשובן רעדאקטאָר פון דער צייטונג . . .

— ניו־יאָרק, 1932

* * * * *

צוויי קאָרעספּאָנדענצן פון לאָס אנדזשעלעס

די נאטור שיינקייט פון דעם גאָט־געבענטשטן לאנד מיטן שטענדיקן זונען־שיין, לאָז איך איבער צו די גרויסע מאָלער און קינסטלער, נאָר אביסל פונם היגן יידישן גייסטיקן און עקאָנאָמישן לעבן וועל איך דאָ פּרווון באָרירן.

איך האָב באזוכט אלע דערציונג אינסטיטוציעס און זייער ווייניק קינדער לערנען זיך דאָ יידיש. עס זיינען דאָ פאראן 75 טויזנט יידן, ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, מיט עטלעכע תלמוד תורות, און אין אלע לערנען זיך אפשר ארום 500 קינדער; 1 פאָלקס שול, מיט 120 קינדער; 1 ארבעטער רינג שול, מיט 70 קינדער, און 1 רייזן־שול (לינקע), מיט 30 קינדער. איך קום אָפּט אין דער פאָלקס שול און די פארוואלטונג ארבעט זייער שווער אויפצוהאלטן די עקזיסטענץ פון דער שול.. איצט גייען זיי אָן מיט א קאמפּיין איבערצובויען די שול.

מיט דער עמיגראציע פון די יידן מיט 5־6 יאָר צוריק זיינען א סך מענטשן געקומען פון דער "איסט" און פון קאנאדע, און עס איז געוואָרן מער לעבן אין דער יידישער דערציונג. די לינקע זיינען זייער טעטיק און האָבן א קאָאָפּעראטיוון צענטער. עס איז ביי זיי פאראן מער לעבן. דעם 26טן, דעם חודש, דערווארטן זיי דאָ אָלגינען, דעם רעדאקטאָר פון "האמער", און זיי וועלן פייערן זיין 25טן יובל. די נאציאָנאלע באוועגונגען, דאקעגן, זיינען אביסל שלעפעריק. די ציוניסטן דערווארטן דאָ לואי ליפּסקי דעם 22טן.

זונטיק, דעם 19טן, איז געווען די ערשטע פארזאמלונג צו רעאָרגאניזירן די יידישע קהילה. טשאריטי אינסטיטוציעס זיינען פאראן זייער שיינע און באקוועמע, א מושב זקנים, א חסד של אמת, סאנאטאָריום, און עס ווערט אויך געבויט א טי־בי עקס־פּעישענטס האָום פאר מענער און פרויען. מען האָט לעצטע וואָך געמאכט א קאמפּיין פאר 35 טויזנט דאָלאר, און ווי געווינלעך זיינען דאָ גוטע כלל־טוערס. מען דארף זיך גוט אויסעסן דאָס הארץ ביז מען מאכט דאָס געלט. מען טוט גוטע ארבעט פאר די נויטליידנדיקע וואָס נויטיקן זיך אין מענטשלעכער הילף.

די בני ברית גייען איצט בויען א נייעם טעמפּל, וואָס וועט קאָסטן אנדערהאלבן מיליאָן דאָלאר. ווען זיי וואָלטן מיך געפאָלגט, וואָלט איך זיי געראטן, אז דאָס געלט וואָלט בעסער געקאָנט אויסגענוצט ווערן צו בויען שולן פאר קינדער.

די עקאָנאָמישע לאַגע איז זייער אַ שווערע. מען דאַרף זיך גוט מאַטערן אויף "צו מאַכן אַ לעבן". זייער ווייניק וויניפּעגער זיינען דאָ רייך געוואָרן. אַלע בענקען נאָך דעם וויניפּעגער געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין לאָס אַנדזשעלעס איז דאָס גייסטיקע לעבן — ווער עס האָט אַ מאַשין (אַ קאַר), און עס איז טאַקע אַ נויטווענדיקייט.

אין סענסאַציעס איז מען דאָ אויך ניט זשעדנע. צוריק מיט צוויי וואָכן האָט געטראָפן אַן אומגליק ביי אַ וויניפּעגער פאַמיליע, מר. דילמאַן. זיין טאָכטער, אַ מיידל פון 22 יאָר, האָט זיך פאַרסמט מיט גאַז. די עלטערן זאָגן אַז שוין צוויי חדשים ווי זי איז געווען מעלאַנכאָליש.

איך וואָלט געקאָנט שרייבן אַסך וועגן לאָס אַנדזשעלעס, וועל איך עס שוין איבערלאָזן פאַר גרעסערע טאַלאַנטן פון מיר.

— לאָס אַנדזשעלעס, 1928.

* * * * *

מיין אַרויספליען פון וויניפּעג קיין לאָס אַנדזשעלעס, דעם 17טן מאַי, 1950, האָט מיר באַשווערט דאָס האַרץ. ניט דערפאַר וואָס איך האָב מורא און וויל זיך ראַטעווען פון דער פאַרפלייצונג. עס זיינען פאַראַן ביליבערע פון מיר וואָס דאַרפן זיך ראַטעווען, איך בין שוין אויפן שפּיץ־באַרג . . . איך האָב אָבער מיט די אייגענע אויגן געזען די גוואַלדיקע קאַטאַסטראָפע פון דער פאַרפלייצונג, אַנפאַנגענדיק פון סט. באָניפּיִס, סט. וויטאַל אאַ״וו — פאַרמס, פעלדער און גאַנצע שטעטלעך זיינען געווען אונטער וואַסער. קיין מענטשלעכע פען איז גאָר ניט בכוח דאָס אַרויסצושרייבן.

דער עראָפּלאַן האָט זיך אויפגעהויבן אונטער די וואָלקנס און אַלץ איז פאַרשוווּנדן פונם אויג. בכלל האָב איך געהאַט אַ ווונדערבאַרע רייזע און איך ווינטש אַלע מיינע גוטע פריינט צו מאַכן לוסטרייזעס מיטן עראָפּלאַן, נאָר אויף אַ גוטן אופן. די רייזע פון וויניפּעג קיין לאָס אַנדזשעלעס האָט געדויערט 12 שעה.

כ׳בין געווען אין לאָס־אַנדזשעלעס מיט 22 יאָר צוריק, אָבער פאַר דער צייט האָט זיך די שטאָט שטאַרק צעשפּרייט און דער ישוב איז זיך צעוואַקסן. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט פון 75 טויזנט ביז 250 טויזנט. עס זיינען צוגעקומען עטלעכע וועלטלעכע שולן און אַ קולטור־צענטער. די שולן זיינען צעשפּרייט איבער דער שטאָט און די באַפעלקערונג האַלט אין איין וואַנדערן פון איין טייל שטאָט אינם צווייטן.

אויף וויפל עס איז שייך אַ יידישע געזעלשאַפטלעך לעבן קאָנט איר זען פון דעם פאַקט, אַז די איינציקע וועכנטלעכע יידישע צייטונג, "די קאַליפאָרניער שטימע", איז אונטערגעגאַנגען מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. איך האָב גערעדט מיט מ. שאליט און אים פאָרגעוואָרפן: איז דאָס וואָס איר האָט דערגרייכט פאַר 25 יאָר קולטור־אַרבעט, וואָס איר האָט ניט לאַנג צוריק געפייערט, פאַרברענענדיק דעם מאָרטגעדזש פונם קולטור־צענטער? . .

מאָריס שוואַרץ מיט זיין טרופּע איז דאָ געווען פיר וואָכן צייט און האָט געהאַט אַ פינאַנציעלן דורכפאַל. ער האָט געשטראָפט די לאָס אַנדזשעלעסער יידן וואָס זיינען פאַרגויישט געוואָרן . . .

יידישע שולן זיינען פאַראַן אין אַלע שטאָט טיילן. די יידישע געגנט האָט 3 אָרדן־שולן און 1 פאָלק שול מיט אַ נייער, שיינער געביידע. מיט 22

יאָר צוריק האָבן דאָרט געלערנט 80 קינדער, און היינט בלויז 100 קינדער . . . עס איז אויך פאַראַן א קינדערגאָרטן פון א צוויי צענדליק קינדער וואָס לערנען פון 10 ביז 12 אינדערפרי. טראַנספּאָרטאַציע ווערט פאַרזאָרגט פאַר די קינדער וואָס וווינען ווייט. עס איז אויך פאַראַן א שיינער צענטער ווו עס לערנען ארום 100 קינדער. אלע שולן זיינען אָוונט־שולן. די מיטל־שולן זיינען אלע פאַר־אייניקט.

א גרויסער, נייער צענטער איז דער מנורה־צענטער פון די ציוניסטן. איך האָב גערעדט מיטן דירעקטאָר, האָט ער מיר געזאָגט, אז אלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האלטן דאָרטן אָפּ זייערע פאַרזאַמלונגען. עס איז אויך פאַראַן דאָרטן א שול, ווו ארום 300 קינדער לערנען העברעיש און עס איז דאָ די תלמוד תורה ווו מען רעדט ניט קיין יידיש און מען לערנט ניט קיין יידיש.

רבי זילבערשטיין האָט דאָ אויך געגרינדעט א ישיבה, ווו ער איז דער ראש־ישיבה.

איך בין פאַרביינגעאַנגען א פּראַכטפולע געביידע, ארומגעפלאַנצט מיט בלומען. איך האָב געזען אז עס איז ניט קיין וווינונג הויז און אויך ניט קיין געזעלשאַפטלעכער צענטער. ווען איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, האָב איך אויס־געפונען אז דאָס איז א מקווה, וואָס קאָסט 35 טויזנט דאָלאַר. דער וועלפער פאָנד האָט געגעבן געלט און די רעליגיעזע יידן זייערע ביישטייערונגען.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זיך אויפגעבויט א נייער אינסטיטוט אין בעווערלי הילס, מיטן נאָמען וועסטערן דזשויִש אינסטיטוט, ווו דער הלל קומט זיך צוזאַמען. דער צענטער האָט א גרויסע שול מיט צוויי רבנים און ארום 1,500 זיץ־פּלעצער.

איך פאַרברענג דאָ זייער זייער גוט מיט מיינע קינדער. איך בין שוין עטלעכע מאָל געווען אין סען דיעגאָ און אויך אין מעקסיקאָ, קיין מעקסיקאָ לאָזט מען די טוריסטן דורך אָן קיינע שוועריקייטן, אָבער צוריקקומענדיק קאָנטראָ־לירט מען זייער שטאַרק . . . ווי נאָר מען פאָרט אריבער די גרעניץ דערזעט מען די מעקסיקאַנער אָרעמקייט. מיינע קינדער האָבן מיך אויך גענומען זען "ריווערסייד דרייוו", געשפּילט פון מאָרים שוואַרץ.

עס קומען דאָ איצט פאָר וואַלן פאַר גאָווערנאָר. דער איצטיקער גאָווערנאָר איז א רעפּובליקאַנער און קעגן אים לויפט א דעמאָקראַט, דעם פאַר־שטאָרבענעם רוזוועלטס זון, וועלכער ווערט אויך געשטיצט פון די קאָמוניסטן.

איך האָב בייגעוווינט א וואַלן־פאַרזאַמלונג אונטערן פרייען הימל, ווו ארום צוויי טויזנט מענטשן זיינען אָנוועזנד געווען. דער יונגער רוזוועלט איז א שוואַכער רעדנער — גאָרניט צו פאַרגלייכן אים מיט זיין בארימטן פאָטער . . .

פון וויניפּעג הער איך, אז דאָס וואַסער פאַלט שוין אָפּ, אפשר וועט שוין אויך אין לאָס אנדזשעלעס ווערן אביסל וואַרעמער. שוין צוויי וואָכן ווי עס איז כמארנע און קאַלט.

— לאָס אנדזשעלעס, מאַי, 1950.

בריוו אין רעדאקציע

(א זאמלונג פון געקליבענע בריוו איז וועלכע די מחברעריז. רופט זיך אָפּ אויף פארשיידענע געזעלשאפטלעכע, קולטורעלע און דערציונג פּראָבלעמען אינם היגן יידישן לעבן פאר די לעצטע 40 יאָר).

וועגן יידישן טעאטער

איך וויל אויסדריקן א הארציקן דאנק צו מאדאם ציליע בודקין פאר דעם גייסטיקן פארגעניגן וואס זי האט מיר פארשאפט מיטוואך, ווען איך האב זי געזען שפילן "כאסיע די יתומה", וואס איך האב אזוי געארט צו זען. איך האב שוין געזען עטלעכע כאסיעס, אבער ניט די אמתע כאסיע. די קריטיק פון דער אויפפירונג פון דעם גאנצן אנסאמבל, לאז איך איבער צו די פראפעסיאנעלע קריטיקערס.

איך ווינטש מאדאם בודקין א שטענדיקן מאראלישן און פינאנציעלן דערפאלג אויף דער יידישער בינע.

* * * * *

מיין הארציקער דאנק צו די געניאלע קינסטלער יעקב בן־עמי און בערטא גערסטין פאר דעם גייסטיקן פארגעניגן וואס איך האב געהאט פון אלע זייערע דריי פארשטעלונגען, און באזונדערס פון דעם "לעבעדיקן מת" און "נארא". איך בין ניט בכוח אויסצודריקן די קריטיק. זיי זיינען געלויבט געווארן פון אלע קריטיקער פון די גרעסטע יידישע און ניט־יידישע צייטונגען אין די שטאטן, ווו נאר זיי האבן געשפילט.

איך ווינטש זיי, זיי זאלן פארזעצן זייער קונסט, וועלכע ברענגט פיל נוצן דער גאנצער מענטשהייט, און זיי זאלן האבן דעם גרעסטן פינאנציעלן דערפאלג . . . דעם מאראלישן דערפאלג האבן זיי שוין . . .

עס טוט מיר זייער לייד פארוואס דער דראמאטישער פאריין, וועלכער איז דער קולטור־טרעגער ביי אונדז אין וויניפעג, האט ניט צוגעטראגן שבת א בוקעט בלומען צו בערטא גערסטין, וועלכע האט אזוי קינסטלעריש ארויסגעבראכט איר ראל. איך בין זיכער אז אין טעאטער זיינען געזעסן 99 פראצענט "נאראס", אבער קיין איינע פון זיי וואלט ניט געקאנט ארויסברענגען אזא "נארא" ווי מיס גערסטין.

מיט גרויס פרייד האט דער עולם אויפגענומען די ידיעה, אז די געניאלע קינסטלער וועלן נאך דעם קומענדיקן פרייטיק אונדז געבן א "זייגעזונט" פארשטעלונג, וועלכע מיר וועלן געווים געדענקען אונדזער גאנץ לעבן.

* * * * *

מיין הארציקער דאנק אייך, חשובער רעדאקטאר, פאר אייער געלונגענער קריטיק איבער דעם קינסטלער בן־ארי און איבער דעם גרויסן פילם "גאן וויט די ווינד", אין אייער "אגב אורחא" פון לעצטן דינסטיק. מיר האט געזאגט מיינע א באקנטע, אז זי וועט ניט געבן קיין 75 סענט און וועט בעסערווארטן ביז 1941, ווען זי וועט זען דאס בילד פאר א ביליקערן פרייז (ווי עס זעט אויס, איז זי קליגער פון מיר). איך האב ניט געוואלט ווארטן — ווער ווייס וואס עס קאן נאך פאסירן . . . איך בין אויפגעשטאנען דינסטיק אין גרויען פארטאג און בין געפארן אין קעפיטאל טעאטער צו זיין פון די ערשטע — בין איך אהיימגעקומען מיט א גרויסן קאפ־ווייטיק, אפגעזעסן 4½ שעה. דער 10 מינוטיקער איבעררייס האט מיך דערמאנט אן אמאליקן קווינס טעאטער, ווו דער עולם האט געגעסן סענדוויטשעס. ניט מער וואס אין קעפיטאל זיינען זיי כאטש בארעכטיקט געווען דערצו, ווייל מען האט זיך גוט אויסגעהונגערט. איך האב באמערקט, אז נאך די סענדוויטשעס האבן איי־

ניקע פון זיי אויך געכאפט א געשמאקן דרעמל, ווייל עס איז געווען געגנוג צייט אויף אלץ.

וועגן יידישע דערציונג פראבלעמען

שוין איניקע יאר ווי איך אפעליר, אז די תלמוד תורה זאל איינפירן זומער־וואקאציעס פאר די קינדער און זייערע לערער, דערפאר בין איך געווען זייער צופרידן צו לייענען אין דער לעצטער אויסגאבע פון "דאס יידישע ווארט", אז די תלמוד תורה האט איינגעפירט דעם דאזיקן פלאן פון וואקאציעס. עס קאן נאר זיין א שטיקל שטערונג די עטלעכע דאלאר שכר־לימוד וואס די אינסטיטוציע וועט פארלירן. איך בין זיכער, אז עס וועט זיך ניט געפינען קיין פאטער אדער מוטער, וואס זאלן ניט וועלן אז זייערע קינדער־לעך זאלן זיך פיזיש דערהאלן, וואס זיי נויטיקן זיך פאר זייער גייסטיקן אפרו. דאס געזונט פון די קינדער שטייט העכער ווי דאס שכר־לימוד געלט פאר די עטלעכע וואכן וואס וועט זיי קאסטן בעת די קינדער וועלן געניסן פון פרישער לופט און וועלן זיך אפרוען. דאס וועט זיי ברענגען פיל נוצן אין זייער שפעטערדיקן לערנען.

* * * * *

איך וואלט ניט געשריבן וועגן דעם חנוכה קאנצערט פון ביידע אפ־טיילונגען פון דער פרץ־שול, ווייל די פרץ שול נויטיקט זיך ניט מער אין רעקלאמעס — איר 30 יאריקע עקזיסטענץ און די קינדער וואס זיינען דורכ־געאנגען די שול, זיינען איר בעסטע רעקלאמע. מיך האט אבער דא באזונ־דערס פאראינטערעסירט "די לעבעדיקע מנורה", וו אכט קינדער האבן פאר־געשטעלט דעם אייביקן נס מיטן קריגעלע בוימל, אנגעשריבן פון לערער זאלף. עס איז געווען אן איינדרוקספול בילד וואס האט געמאכט שטארקן רושם.

דער צווייטער קאנצערט איז דורכגעפירט געווארן אין דער אפטיי־לונג, אויף 1420 מעין סטריט. דער קאנצערט האט אויף מיר געמאכט א באזונדער רושם. איך דערמאן זיך מיט וואסערע שוועריקייטן עס איז אנגע־קומען צו גרינדן די אפטיילונג, אן הילף פונם וועלפער פאנד . . עס קומט א יישר־כוח דעם צווייטן צווייג מוטער פאריין, מיט דער לערערין רבקה גאלאמב בראש: זיי פלעגן קומען צו דער עקזעקוטיווע זיך בעטן אז זיי ווילן זיין פאראנטווארטלעך פאר דער נייער שול, ביז זיי האבן עס געפועלט ביי די שול־טוערס. איצט האב איך געזען זייער באלוינונג. זיי איז געלונגען צו פאראינטערעסירן די ענגליש־ריידנדיקע עלטערן, וועלכע נעמען איצט א טיפן אינטערעס אין דער יידישער דערציונג פון זייערע קינדער און זיי זיינען געווארן אקטיווע טוערס אין דער אפטיילונג, וואס ווערט באזוכט פון הונ־דערט קינדער.

אין אזא קורצער צייט איז זיי געלונגען דורכצופירן אזא שיינעם, גייסטרייכן חנוכה אוונט, ביי שיין געדעקטע טישן. יעדער קינד האט זיך אויסגעצייכנט אינם פראגראם, אבער מיך האט באזונדערס פאראינטערעסירט די באגייסטערונג פון די יונגע עלטערן מיט די יידישע קענטענישן פון זייערע קינדער.

די פרץ־שול פייערט איצט איר 30־יאריקן יובל. נאך מיין מיינונג

וואָלט דאָס גאַנצע יידישע וויניפּעג געדאַרפט זיך באַטייליקן אין דער שימחה, פאַר דעם גרויסן בייטראָג וואָס די שול האָט געמאַכט פאַר דער יידישער דערציונג.

איך האָב אַנומלט באַגעגנט אַ באַקאַנטן היגן יידישן תושב. ווייזט ער מיר אַ יידישן בריוו פון זיין טאָכטער, אַ נוירס אין האָליוווד, קאַליפאָר־ניע. אין אַ שיינעם, גוטן יידיש, באַשרייבט זי חנוכה און קריסמעס. פרעג איך אים: ווו האָט זי געלערנט יידיש? — זאָגט ער: אין פּרץ שול. און אַזוי וועלן זיכער זיין פיל הונדערטער קינדער וואָס וועלן אַרויס פון דער פּרץ־שול, וואָס וועלן זיין שטאָלצע נאַציאָנאַלע יידן.

זאָל זיין געשטאַרקט דער גייסט פון די פּרץ־שול טוערס פאַר דער דער יידישער דערציונג!

* * * * *

לייענדיק אין אונדזער צייטונג וועגן דריי יונגע קינדער וואָס האָבן זיך געוואָלט אַרויסגנבענען פון ארץ־ישראל, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט און קיין דאַך איבערן קאָפּ, וויל איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער חנוכה טראַדיציע וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין די יידישע שולן, וואָס אַ דאַנק דעם איינפלוס פון די לערער גיבן די קינדער אָפּ זייער חנוכה געלט פאַר דער יוגנט עליה, דער הסתדרות א״א. היינטיקס יאָר האָבן די קינדער געגעבן זייער ווייניק געלט מיטן תירוץ, אַז די עלטערן גיבן שוין גענוג.

מיט אַ פאָר וואָכן צוריק איז דאָ געווען לואי סיגאַל, סעקרעטאַר פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. אין אַ לעקציע וועגן ארץ־ישראל, האָט ער אָנגעוויזן אויף די קרבנות, וואָס עלטערן האָבן געבראַכט פאַר אונד־זער צוויי טויזנט יאָריקן חלום — זייערע יונגע קינדער. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אונדזער באַשרענקטע הילף, וואָס מיר גיבן לגבי יענע גרויסע קרבנות?

אַ פּאָר ווערטער צו די קינדער: טייערע קינדערלעך, איר זייט די צוקונפט פונם יידישן פאָלק. חנוכה איז שוין פאַריבער, שפּאָרט אָפּ די מתנות וואָס איר באַקומט פון אייערע טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע א״א, און גיט צו ישראל, פאַר די וואָס האָבן ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ.

איך בין ניט בכוח אויסצודריקן אין ווערטער דעם פאַרגעניגן וואָס דער דריטער סדר אין פּרץ שול האָט מיר פאַרשאַפט. די לערער קומט אַ גרוי־סער יישר־כוח דערפאַר. וויפל ענערגיע און שוועריקייטן עס זיינען פאַראַן מיט די קינדער וואָס קומען פון היימען, ווו מ׳רעדט ניט קיין יידיש און די קינדער פאַרשטייען ניט וואָס די לערער ריידן צו זיי (אַן 8־יאָריק מיידעלע וואָס גייט אין שול פון קינדערגאָרטן אָן, דערציילט מיר, אַז זי לערנט איצט אירע עלטערן ריידן יידיש). די יידישע טאָג־שול דערציט שטאָלצע, באַ־וווסטזיניקע יידן וואָס ווילן קענען זייער שפּראַך און ליטעראַטור.

די לערער פלאַנצן איין אין די קינדער אַ ליבע צו די יידישע יום־טובים, ווי חנוכה, פּורים א״א, ווען זיי נעמען מתנות פון זייערע עלטערן. זיי וועלן אָבער דערציוגן אַז זיי דאַרפן זיין ניט נאָר נעמערס, נאָר אויך געבערס. אַזוי שפּאָרן די קינדער אָפּ פון זייער חנוכה־געלט און שלח־מנות פאַר די נויטליידנדיקע מעבר לים. מען לערנט זיי צו זיין געזעלשאַפטלעכע מענטשן.

די קינדער זיינען אויך די בעסטע סטודענטן ווען זיי קומען אין די קאָלעדזשעס. דער פּרינציפּאַל פון מאַקרעי סקול האָט געלויבט די תּלמידים וואָס קומען פון דער יידישער טאָג־שול.

לערער, איר גיט אָפּ אייער געזונט און ענערגיע פאַר דער יידישער דערציונג און איר וועט האָבן אייער באַלוינונג. איר דערציט א דור וואָס וועט פאַרזעצן די גאָלדענע קייט פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין א יושרדיקער וועלט, ווו אונדזער פאָלק וועט זיין מיט אַלע פעלקער גלייך.

* * * * *

מיין יישר־כּוח צו די לערער פון פּרץ פאָלק שול פאַר די פרייטיק צו נאַכטן און נאָך מער פאַר דעם לעצטן פרייטיק צו נאַכט, ווען עס זיינען געווען די פאָרשטייערס פון די אָרגאַניזאַציעס, פאַר וועלכע די קינדער פון אַלע קלאַסן האָבן געזאַמלט חנוכה־געלט, חמישה עשר בשבט געקויפט ביימער און פון שלח־מנות — צוזאַמען געזאַמלט $775. זייער איינדרוקספול איז געווען ווען די קינדער האָבן באַקומען פון דער הסתדרות סערטיפיקאַטן פאַר די זאַמלערס פון דריי און זעקס דאָלאַר. עס האָט מיך גערירט ביז טרערן, און איך האָב מקנא געווען די קינדער וואָס האָבן זוכה געווען ביי זייער קינדער־עלטער צו ווערן די בויערס פון אונדזער מדינת ישראל.

א פּאָר ווערטער צו די עלטערן: גיט אייערע קינדער א יידישע דערציונג. זיי זיינען אונדזערע צוקונפטיקע געזעלשאַפטלעכע טוערס. ווען זיי וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי אייך און די לערערס דערמאָנען צום גוטן.

* * * * *

בלויז א פּאָר ווערטער וועגן דעם טראַדיציאָנעלן פרייטיק צו נאַכט פון די פּרץ פאָלק שולן פון לעצטן פרייטיק, אונטער אויפזיכט פון פּ. זאָלף, פּרינציפּאַל פון די פּרץ־פאָלק שולן. אַזוי ווי עס איז געווען דאָס צווייטע חנוכּה ליכטן, האָבן די קינדער פון די קלאַסן 1, 2 און 3 אנטיילגענומען אין דער פייערונג. איך האָב געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון די קינדער און עס קומט א גרויסער יישר־כּוח די לערער פאַר דער אַרבעט וואָס זיי ליגן אריין איינפלאַנצנדיק אין די הערצער פון די קינדערלעך דעם גרויסן נס פון חנוכּה. מיר דאַרפן געדענקען אַז ביי ס׳רוב קינדער איז די יידישע שפּראַך פרעמד, ווייל די סביבה און די היים איז ענגליש, און די אויפגאַבע פאַר די לערער איז זייער א שווערע.

* * * * *

לעצטן פרייטיק איז אין ״דאָס יידישע וואָרט״ געווען א קאָלום ״100 פרייטיק צו נאַכטן״, ווו דער פּרינציפּאַל פון שול, ה׳ גאָלאָמב, דערמאָנט מיך איך זאָל ניט פאַרגעסן קומען צום 100טן פרייטיק צו נאַכט פון דער פּרץ שול. לויט מיין שכל דאַרף מען דערמאָנען די וואָס זיינען ניט געקומען. מיר האָבן די 100 טראַדיציאָנעלע פרייטיק צו נאַכטן פאַרשאַפן א גרויסן גייסטיקן פאַרגעניגן, דערמיט וואָס איך האָב געזען ווי הונדערטער קינדער קומען זיך צוזאַמען (וואָלטן נאָר די עלטערן אויך געקומען מיט זיי), און פאַרברענגען מער ווי א שעה אין א גייסטיקער, טראַדיציאָנעלער שבתדיקער אַטמאָספערע, ווו דער פּרינציפּאַל אָדער א לערער לייענט א בלעטל פון דער הגדה, חזן

בראָנשטיין זינגט מיט זיי טראַדיציאָנעל געזאַנג, עמיצער פון די קינדער לייענט א קאַפיטל תנ"ך, א פּאָעמע פון ביאַליק, י. ל. פּרץ (שלום עליכם לייענער זיינען הערי שטיינבערג, י. פריידין, פּ. זאַלף און מ. קאַנטאָר).

איך בין זיכער, אז ביי א סך קינדער וועט זיך עס איינקריצן אין זייערע יונגע מוחות, און אין דער שפּעטערדיקער צוקונפט ווען עס וועט זיי אויסקומען צו פאַרנעמען זייער פּלאַץ אינם געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, אפילו ווען זיי וועלן האָבן א העכערע אקאַדעמישע בילדונג, וועלן זיי אויך זיין שטאָלצע יידן. ניט נאָר הונדערט פּרייטיק צו נאַכטן, נאָר אין די טויזנטער וועלן זיי פאַרזעצן מיט זייערע עלטערן, ניט נאָר אין פּרץ שול, נאָר אויך אין די היימען.

* * * * *

צום שלום פון די פרייטיק צו נאַכטן אין פּרץ־שול, דריק איך אויס מיין הארציקן דאַנק צום פּרינציפּאַל, ה׳ גאָלאָמב, פאַר דעם גייסטיקן פאַר־גענינגן וואָס איך האָב געהאַט דעם גאַנצן ווינטער, יעדער פרייטיק צו נאַכט. איך בין מער ווי זיכער, אז די קינדער וואָס זיינען ארויס פון פּרץ־שול, און וואָס וועלן נאָר ארויס, וועלן פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין דער היגער יידישער געזעלשאַפט, אין דער יידישער קולטור און אין דער יידישער שפּראַך.

איך האָב זיך צוגעהערט זונטיק, דעם 12טן מאַי, ווי די קינדער האָבן דורכגעפירט פּרצעס 25טן יאָרצייט און אייניקע קינדער, לויט מיין קריטיק, זיינען ווערט א סקאָלערשיפּ פאַר זייערע דעקלאַמאַציעס און לייענען פּרצעס מעשות. די דאָזיקע קינדער וועלן שוין ניט גיין פאַרלוירן פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור.

אָט וועט איצט די וויניפּעגער יידישע טעאַטער גרופּע שפּילן "וואָך אויף און זינג", אויף יידיש אין דאָמיניאָן טעאַטער, יוני 7טן און 8טן. די גרופּע האָט דאָס געשפּילט לעצטן ווינטער אויף ענגליש, מיט גרויס דערפאָלג. איצט וועלן זיי דאָס שפּילן אויף יידיש. די יידישע וויניפּעג דאַרף ניט פאַר־פעלן צו זען עס . עס באַטייליקן זיך אין דעם קינדער וואָס האָבן גראַדויִרט פון די היגע יידישע שולן. אָט זען מיר שוין אן אָנפאַנג פון דער יידישער יוגנט וואָס זאָרגט פאַר דער יידישער קולטור און שפּראַך. פיל באַרימטע סטאַרס אין האָליווד, זיינען אויסגעוואַקסן פון די דראַמאַטישע קלובן ביים אָנפאַנג פון זייער קאַריערע און זיי ברענגען כבוד צום יידישן פאָלק. מענער און פרויען, גיט צו מוט דער יוגנט פאַר איר דערפאָלג.

* * * * *

מיין הארציקער דאַנק צום פּרינציפּאַל, א. גאָלאָמב, און די לערער, פאַרן גייסטיקן פאַרגעניגן וואָס איך האָב געהאַט, ווען מיין אייניקל, שיינ־דעלע שעכטער, פונם ערשטן קלאַס טאָג־שול, איז געקומען אהיים פון דער סעודה און געזאָגט: באָבע, פאַרוואָס ביסטו ניט געווען? דו וואָלסט אויך געהאַט פאַרגעניגן. איך וואָלט געוואָלט דער פּרינציפּאַל זאָל יעדער וואָך מאַכן אזא סעודה, איך וואָלט אפילו ניט געגאַנגען אין א "שאָו". די קינדער פון די עלטערע קלאַסן זיינען געווען גוטע אַקטיאָרן. עס פאַרדריסט מיך זייער וואָס א סך עלטערן האָבן ניט געקאָנט זיין ביי דער קינדער סעודה, ווייל עס זיינען געווען איבער 400 קינדער.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויך אויסדריקן מיין דאנק פאר די פּרייטיק צו נאכטן וועלכע פאַרשאפן מיר גרויס פאַרגעניגן. די שעה וואָס איך פאַרברענג און זע די קינדער אין א שבתדיקער שטימונג, ווו יעדער קינד ברענג ארויס זיינע פעיקייטן לייענעדיק זיינע קאָמפּאָזיציעס, וואָס ער שרייבט אליין אָן; לייענענדיק די ליטעראטור, פּאָעזיע, זינגען און טאנצן — איז זייער שיין. די קאַפּיטלעך פון דער אגדה וואָס ווערן געלייענט, ווערן צוגעפּאסט צו דער איצטיקער צייט. עס ווערט אויך געגעבן 15 מינוט גוטע מוזיק, פון היגע קאָנצערט שפּילערס

קומט אלע פּרייטיק צו נאכט אין פּרץ־זאל — איר וועט האָבן א גייסטיקן פאַרגעניגן!

* * * * *

מיין אייניקלס גראַדויִרונג פון קלאַס 7, טאָג שול, איז ביי מיר א גרויסער יום־טוב. איך געדענק וויפל מי מיר איז אָנגעקומען צו באוועגן מיינע קינדער אז מיין אייניקל זאָל אריבערגיין פון קינדערגאָרטן אין טאָג־שול, וויל ווי אלע קאנאדער געבוירענע, האָבן זיי מורא געהאט פאַרן קינדס ענגלישן אקצענט. מיינע קינדער זיינען איצט צופרידן (איך געדענק ווען מיין אייניקל איז געווען אין גרייד 2, האָט זי געזאָגט צו דער מוטער: דו דאַרפסט גיין אין פּרץ־שול זיך אויסלערנען גוט יידיש ריידן). מיינע קינדער שאַצן איצט אָפּ וואָס די טאָג־שול האָט געגעבן זייער קינד. איך בין זיכער, אז א סך טאטעס און מאַמעס וואָס זיינען אפשר צו דריי־פיר מאָל דרייצן יאָר אַלט, ווייסן ניט אזויפיל פון יידישער געשיכטע און יידישער ליטעראַטור ווי די קינדער פון גרייד 7 טאָג שול. עס האָט זיי גאָרניט געשאַדט צו זייער ענגליש. אייניקע קינדער האָבן גענומען פּריזן פאַר זייערע ענגלישע און יידישע עסייען.

די יידישע קינדער, וועלכע קומען ארויס פון די טאָג שולן, זיינען די בעסטע תלמידים אין די ענגלישע סקולס און קאַלעדזשעס.

איך באַגריסט אייך, ליבע עלטערן, צו אייערע קינדערס גראַדויִרונג פון גרייד 7 טאָג־שול. איך האָף אז איר וועט פאָרזעצן צו שיקן אייערע קינדער אין די העכערע קורסן פאַר יידישן וויסן.

א גרויסער יישר כוח קומט די ערשטע בויערס און שול־טוערס, וועלכע האָבן געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר דער יידיש־וועלטלעכער שול מיט 32 יאָר צוריק. איר האָט אייער באַלוינונג וואָס הונדערטער קינדער האָבן באַקומען א יידיש־נאַציאָנאַלע דערציונג, און זיי ברענגען שוין נוצן דער געזעלשאַפט.

מיינע ליבע אייניקלעך, דאָס רעדט צו אייך א באָבע וועלכע איז שוין דורכגעגאנגען דאָס לעבן. איך שטיי שוין ביים שפּיץ־באַרג. זאָל זיך אייך איינקריצן אין זיכרון די עטלעכע ווערטער וואָס איך וועל אייך איצט זאָגן: איר האָט פאַרבראַכט 7 יאָר אין דער יידישער שול אונטער גוטע לערער און דערציער. אָבער אין זיבן יאָר האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט אייער יידיש וויסן. איר דאַרפט נאָך פאָרזעצן ווייטער, ביז די העכערע קורסן. אויף אייך וועט ליגן די אחריות פאַר יידישער דערציונג און געזעלשאַפטלעכער ארבעט. אזוי ווי אייערע עלטערן זיינען די פאָרזעצערס פון די ערשטע פּיאָ־

נערן פון יידיש־וועלטלעכער שול, אזוי זאָלט איר פּלעכטן ווייטער די גאָל־דענע קייט — וועט איר ברענגען כבוד צו אייערע עלטערן און נוצן צו דעם יידישן פאָלק.

איך באַגריס אויך די לערער צו דער גראַדויִרונג פון זייערע תלמידים. ווו נעמט מען די ווערטער וואָס זאָלן קאָנען אָפּשאַצן אייער גייסטיקע ענער־גיע און פיזישן כוח וואָס איר גיט אוועק פאַר יידישער דערציונג. איך פיל, אז די בעסטע באַלוינונג פאַר לערער איז צו זען זייערע תלמידים פאַרזעצן לערנען יידיש וויסן און ווערן מיטגלידער אין דער צוקונפט פאַר יידישער דערציונג און יידישער קולטור.

* * * * *

איך וויל באַגריסן די תלמידים פון פּרץ פאָלק שול וואָס האָבן גראַ־דויִרט פון די העכערע קורסן. עס פאַרדריסט מיך זייער וואָס איך האָב ניט געהאַט דעם כבוד און פאַרגעניגן צו זיין ביים גראַדויִרונג באַנקעט. איך ווינטש זיי אז זייער לאַנגער וועג אין לעבן, וועלכער וועט שוין געוויס זיין אין א שענערער און יושרדיקער וועלט, זאָל זיין דערפאָלגרייך און זיי זאָלן ברענגען נוצן דער גאַנצער מענטשהייט און דעם יידישן פאָלק בפרט, פאַרנע־מענדיק א חשובן פּלאַץ אינם יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן.

איצט עטלעכע ווערטער צו די צוויי דערפאָלגרייכע קינדערגאַרטן לע־רערינס, פריידעלע קושנעראָוו און מלכה יאַפע, וועלכע גייען בויען זייער נעסט אין א נייעם לעבן. איך ווינטש זיי פיל געזונטע, גליקלעכע און צופרי־דענע יאָרן. איך בין מער ווי זיכער אז זיי וועלן שטיין ביי דער פּרץ־שול און פאַרנעמען א חשובן אָרט אין דערציונג און קולטורעלער ארבעט.

איך וויל אויך באַדאַנקען דעם פּרינציפּאַל און דער לערערין גאָלאָמב, וועלכע האָבן מיר צוגעטיילט דעם גייסטיקן פאַרגעניגן און כבוד אנטייל צו נעמען אין דער האַנט ארבעט, וועלכע מען האָט געלערנט די קינדער פון די יינגערע קלאַסן אונטער דער פירערשאַפט פון חברה גאָלאָמב. עס קומט איר א יישר־כוח פאַר איר אומדערמידלעכער ארבעט.

* * * * *

איך באַגריס הארציק דעם אַלומני קלוב וואָס האָט זיך געגרינדעט ביי דער פּרץ שול. איך ווינטש אז זייער אונטערנעמונג זאָל האָבן א פינאַנציעלן דערפאָלג (דער מאַראַלישער וועט במילא קומען). איך האָף אז אין דער צוקונפט וועט איר ברענגען נוצן דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. איר זייט די וואָס וועלן פאַרנעמען דאָס פּלאַץ און ווערן די כלל־טוערס אין דער ווינ־פּעגער געזעלשאַפט.

איך באַדאַנק דערביי דער לערערין, רבקה גאָלאָמב, פאַרן גייסטיקן פאַרגעניגן וואָס איך האָב, ווען איך קום זונטיק אינדערפרי צו געבן די מייד־לעך א לעקציע אין שטריקן.

מען לערנט די קינדער נייען, אויסנייען, שטריקן, העקלען, מאָלן, פּלעכטן קיישלעך, סטאָלעריי, מאַכן א לאָקאָמאָטיוו אא"וו. אמת, זי האָט ארויסהעלפערינס און זי געפינט פאַרשיידענע ספּעציאַליסטן אויף אלע גע־ביטן. עס קומען ארום 70 קינדער. די עלטערע קינדער זיינען אינסטרוק־טאָרן פאַר די יינגערע.

איך וואָלט געוווּנטשן אַלע מאַמעס און טאַטעס וואָס זייערע קינדער לערנען אין פּרץ שול, זיי זאָלן צוקומען זונטיק, 11 אינדערפרי, און זען ווי מען לערנט זייערע קינדער האַנט־אַרבעט. עס קאָנען אפילו קומען אַזעלכע וואָס זייערע קינדער לערנען ניט אין פּרץ שול. צום שלום פונם יאָר וועט פאַר־קומען אַן אויסשטעלונג אין שול פון אַלע אַרבעטן וואָס די קינדער האָבן געטאָן פאַרן גאַנצן יאָר.

לאָמיר האָפן, אַז אויפן נייעם יאָר וועלן מיר טאָן דאָס זעלבע, נאָר מיט פריילעכערע הערצער, מיט אַ מפּלה אויף היטלערן און אַ דערלייזונג פאַרן יידישן פאָלק.

* * * * *

איך באַגריס די פּרץ פאָלק שול געזעלשאַפט צו איר 20טן יובל. איך בין אַרומגעגאַנגען אין זאַל פיר אָוונטן און האָב באַוווּנדערט די אַרבעט וואָס די שול האָט אויפגעטאָן פאַר אירע 20 יאָר עקזיסטענץ. אויף וויפל די שול האָט בייגעטראָגן צו דער יידישער קולטור און דערציִונג אין וויניפּעג, קאָן נאָר אָפּשאַצן אַזאַ ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי אָדער שמואל ניגער, וואָס האָבן אַליין געשאַפן פאַר דער יידישער ליטעראַטור און בייגעטראָגן צו דער יידישער קולטור.

איך ווינטש די טויער פון פּרץ שול און דעם יונגן דור, וואָס איז דורכ־געגאַנגען די שול, און די וואָס וועלן נאָך דורכמאַכן די שול אין דער צוקונפט, זיי זאָלן שטרעבן צו אַ יידיש־נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט און לעבן אין אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט, צו נוצן פון דער גאַנצער מענטשהייט.

* * * * *

מיין האַרציקע באַגריסונג צום 25 יאָריקן יובל פון דער פּרץשול. איך באַגריס אייך, טויער און לערער, סיי די וואָס זיינען איצט מיט דער שול און סיי די וואָס זיינען ניטאָ. איך טו אַ בליק אויף צוריק מיט 25 יאָר אויפן יידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן אין וויניפּעג. דאַמאָלסט און איצט — וואָס פאַר אַ רייכן קאָלאָסאַלן בייטראָג די פּרץ שול האָט געמאַכט צו דער היגער יידישער געזעלשאַפט, צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור . . . איך ווינטש אייך איר זאָלט דערלעבן דעם גאָלדענעם יובל מיט דער זעלבער ענערגיע און מוט.

* * * * *

איך באַגריס האַרציק דעם 30טן יובל פון דער פּרץ שול און דעם 25 יאָריקן יובילײ פונם מוטער פאַריין ביי דער שול.

ווי גרינג עס איז אַרויסצורידן די דאָזיקע ציפערן. דורכצופירן עס אין לעבן איז אָבער ניט געווען אַזוי גרינג. וועגן מיינע זכרונות פון 30 יאָר פּרץ שול, וואָלט איך געקאָנט שרייבן אַ סך, איז אָבער מיין געזונט צו־שטאַנד ניט אַמבעסטן (איך בין שוין אין שפּיטאָל פאַר צוויי וואָכן צייט).

אַ גרופּע אינטעליגענטע יונגעלייט איז געקומען קיין וויניפּעג אין 1906. זיי האָבן זיך פאַראינטערעסירט אין קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַר־בעט און אויך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ יידישער דערציִונג פאַר זייערע קינדער. קיין זאַך איז ניט געווען צו שווער פאַר די ערשטע פּיאָנערן און אַ

שול האָט זיך געעפנט אין "עבערדין סקול", נאָך 4 נ"מ, מיט ד"ר. גינזבורג אלס לערער. מיין טאָכטער איז דאַן געווען פון די ערשטע שילערינס אין יענער שול. וואָס פאַר א שווערן קאַמף האָט די שול געדאַרפט אָנפירן פאַר איר עקזיסטענץ, סיי מאָראַליש און סיי פינאַנציעל . . . עס איז געווען א גליק וואָס א צאָל פעיקע יונגעלייט וואָס האָבן זיך געלערנט אינם אוניווערסיטעט, זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן אלס לערער. שפּעטער צו זיינען אראָפּגעבראַכט געוואָרן לערער פון אייראָפּע. דאָס האָט געפאָדערט גרויסע, פינאַנציעלע אָנשטרענגונגען און עס פלעגן דורכגעפירט ווערן ריזיקע אונטערנעמונגען, ווי באַזאַרן, טעאַטער אָוונטן, ראַפלס אא"וו.

די זריעה וואָס די טוערס האָבן פאַרזייט, האָט באַווירקט ווייניפּעג און מערב קאַנאַדע. טויזנטער קינדער האָבן באַקומען א יידישע דערציונג און זיינען אויסגעוואַקסן שטאָלצע מענטשן, און זיינען שוין איצט אַליין אַקטיווע שול־טוערס.

די פּרץ שול איז געווען די ערשטע איינצופירן זומער־וואַקאַציעס, צו גרינדן א קינדערגאָרטן, א מוטער פאַריין און א טאָג־שול.

איר, שול טוערס האָט אייער באַלוינונג אין דעם וואָס איר האָט אויפגעשטעלט אַן אייביקן מאָנומענט פאַר זיך, ווו טויזנטער קינדער האָבן געקראָגן א נאַציאָנאַלע יידישע דערציונג, און אין די לעצטע יאָרן קאָן מען אפילו זאָגן א טראַדיציאָנאַלע דערציונג, א דאַנק דעם פּרינציפּאַל, א. גאָלאָמב.

ערשט די שפּעטערדיקע דורות וועלן קאָנען אָפּשאַצן דעם גרויסן ביי־טראָג וואָס די פּרץ שול טוערס האָבן געמאַכט צום יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן דאָ אין שטאָט, ווי צו דער יידישער דערציונג בכלל.

איך ווינטש אייך איר זאָלט דערלעבן דעם 50־יאָריקן יובל אין א שענערער און א מער יושרדיקער וועלט; איר זאָלט דערלעבן צו קינדער און קינדס קינדער וואָס זאָלן פאָרזעצן די ארבעט וואָס זייערע זיידעס און באָבעס האָבן אָנגעפאַנגען.

* * * * *

איך וויל באַדאַנקען דעם פּרינציפּאַל און לערערין פון פּרץ־שול, מר. און מרס. גאָלאָמב, פאַר צוגרייטן דאָס פּראָגראַם פאַרן אָוונט וואָס דער צווייטער צוויַיג מוטער פאַריין ביי דער פּרץ שול, האָט דורכגעפירט לעצטן זונטיק. א באַזונדער דאַנק קומט דעם לערער זאַלף פאַר אָנשרייבן און פאַר־לייענען דעם אַקט. מיין האַרץ איז געווען פול מיט פרייד ווען איך האָב געזען אַז די ארבעט פון די טוערס פון פּרץ שול פאַר די 27 יאָר, און מוטער פאַריין פאַר 20 יאָר, איז ניט געגאַנגען לאיבוד. ס'איז שוין פאַראַן א שיינע יוגנט ארום דער שול וואָס וועט פאַרנעמען איר פּלאַץ אין דער צוקונפט, פאַר יידישער קולטור און דערציונג.

מיט אמתער פרייד האָב איך געקוקט אויף דער יוגנט, וועלכע איך קאָן אַלע ביי די נעמען, אָבער וועלכע זיינען צופיל זיי דאָ אויסצורעכענען. איך האָף אַז דעם ווינטער וועט אונדז די יוגנט געבן נאָך א סך אַזעלכע גייסטיקע אָוונטן.

מוטערס פון צוויַיג צוויי, פלאַנצט וואָס גרעסער אייער צוויַיג, וועלן אייך אייערע קינדער ברענגען כבוד און נוצן צום יידישן פאָלק.

* * * * *

מיין הארציקער דאנק צו א. גאָלאָמב פאר זיין ארטיקל אין "דאָס יידישע וואָרט" וועגן די יידישע טאָג־שולן. איך רעקאָמענדיר עס צו אלע יידיש־לייענער און באזונדער צו די עלטערן וועמעס קינדער באזוכן די אוונט שולן.

זאָלן זיי איבערלייענען דאָס ארטיקל און זיך פארטראכטן איבער דעם פּראָבלעם פון א טאָג־שול, ווו דאָס קינד פארברענגט דעם גאנצן טאָג און ניט ווען עס קומט אהיים פון פּאבליק סקול, ווען עס טרעפט אָפּטמאָל אז עס פארשפּילט זיך אויפן וועג און די מאמע דארף שרייען: טרינק גיכער די מילך, דו וועסט זיין שפּעט אין דער יידישער שול . . . איך ווייס פון פאקטן ווו קינדער נארן אָפּ די עלטערן און קומען אינגאנצן ניט אין דער יידישער שול. ווען דאָס קינד קומט דערנאָך אהיים פון דער יידישער שול איז עס שוין צו מיד צו טאָן היים־ארבעט און עס גייט שפּעט שלאָפן, וואָס איז אויך ניט גוט פארן קינד, סיי פיזיש, סיי גייסטיק.

מיין אייניקל האָט אָנגעהויבן אינם פּרץ שול קינדערגאָרטן און ווען זי האָט גראדויִרט האָבן אירע עלטערן (קאנאדער געבוירענע) זי געוואָלט שיקן אין פּאבליק סקול. זיי האָבן מוָרא געהאט פאר איר אקצענט. איך האָב זיי צוגערעדט צו שיקן זי אין טאָג־שול און אויב עס וועט זיי ניט געפעלן וועלן זיי זי טראנספערירן אויפן צווייטן יאָר. מיין אייניקל איז קיין עין הרע אין פינפטן קלאס פּרץ טאָג שול און זיי זיינען צופרידן. דאָס קינד קומט אהיים 4 נ"מ און האָט נאָך צייט פאר מוזיק לעקציעס טאנצן, שפּילן, מאכן די "לעסאָנס" און גיין שלאָפן אין צייט.

א סך קינדער וואָס זיינען דורכגעגאנגען די פּרץ טאָג שול זיינען שוין איצט דאָקטוירים און זיינען געווען דערפאָלגרייכע סטודענטן מיט גרויסע אויסצייכענונגען און סקאָלערשיפּס. זייערע עלטערן, אליין פּראָפעסיאָנאלן און אינטעליגענטן, האָבן ניט מורא פאר זייערע קינדערס אקצענטן.

* * * * *

איך האָב אביסל פּערשפּעטיקט מיט מיין באגריסונג צו דער פּרץ־פּאָלק שול וואָס פירט איצט אָן א קאמפּיין פאר 100 טויזנט דאָלאר פאר דער נייער שול געביידע. זאָל זיין אין א מזלדיקער שעה.

נאָך מיט זעקס יאָר צוריק האָט מען גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו בויען א פּרץ שול אויפן ווייטן צפון פון שטאָט, ווייל דער יידישער עולם ציט זיך אריבער אלץ מער אין יענעם געגנט, ווייט פון דער איצטיקער יידישער שול. עס איז אָנגעקומען שווער צו געפינען א פּאסיקן פּלאץ, אָבער איצט איז עס שוין פארווירקלעכט געוואָרן.

דאָס געלט פאר דער געביידע דארף געזאמלט ווערן פון פּריוואטע ביישטייערונגען. דער קאמפּיין גייט אָן מיט גרויס דערפאָלג. מענטשן וואָס ווילן פאראייביקן זייער נאָמען לדורות, גיבן ברייטהארציק צו דעם אויפבויפאָנד. עלטערן וואָס זייערע קינדער גייען אין שול און וועלן דארפן גיין אין שול, דארפן אוודאי און אוודע זיין פאראינטערעסירט אין דעם.

דערביי וויל איך דערציילן וועגן א צייטונג־אויסשניט וואָס איך האָב געקראָגן פון מ. שאליט, לאָס אנדזשעלעס, ווו ער שרייבט וועגן א ברייטהארציקער ביישטייערונג וואָס קינדער האָבן געגעבן צו פאראייביקן דעם אָנדענק פון זייער מוטער: א רייכע פרוי איז געשטאָרבן און האָט אי־

בערגעלאָזן אַ גרויסע ירושה פאַר אירע קינדער. מיט יאָר צוריק האָבן די קינדער אַוועקגעשענקט 160 אַקער לאַנד אַלס מתנה פאַר אַ זומער־קעמפּ פאַר קינדער. מען האָט דערויף איינגעאָרדנט אַ וווּנדערבאַרן זומער קעמפּ מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, אין אָנדענק פון זייער מוטער. אָבער צו וואָס האָט די ליבע מוטער געדאַרפט וואַרטן אַז אירע קינדער זאָלן פּאַראייביקן איר נאָמען? ווען זי שענקט דאָס אַוועק ביי איר לעבן וואָלט זי געזען מיט אירע אייגענע אויגן דעם שיינעם מאָנומענט . . .

מ׳דערציילט וועגן משה מאָנטעפיאָרע, דעם באַרימטן פילאַנטראָפּ, אַז ווען מען האָט געעפנט זיין צוואה איז מען אַנטוישט געוואָרן, ווייל ער האָט גאַרניט איבערגעלאָזן פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן — ער האָט געשריבן אין דער צוואה, אַז ער האָט געטאָן ביים לעבן וואָס אַנדערע טוען נאָך זייער טויט.

ווערט אַ שותּף אין דער נייער פּרץ שול געביידע. פּאַראייביקט אייער נאָמען מיט אַ מאָנומענט, דערמיט וואָס איר וועט געבן אייער ביישטייערונג צום בוי־פאָנד.

* * * * *

אַזוי ווי איך בין אַ קאַנווינער ביי דער טיי פונם לייענקרייז קאָונסיל לטובת דער נייער פּרץ שול געביידע, ווייל איך ביטאָנען די וויכטיקייט פון דער יידיש וועלטלעכער טאָג־שול.

איך וויל דאָ ברענגען אַן עפּיזאָד מיט אַ יונגן יידישן דאָקטאָר, וועלכער אַרבעט אין אַ שפּיטאָל אין אַלבערטאַ. ווי פיל היגע יידישע קינדער, איז ער דערצויגן געוואָרן אין אַ היים אָן יידישער קולטור און שפּראַך. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אין דעם שפּיטאָל וווּ ער אַרבעט, האָט זיך געפונען אַ יידישער פּאַציענט, וועלכער האָט קיין ענגליש ניט פאַרשטאַנען און די ניט־יידישע דאָקטוירים האָבן אַריינגערופן זייער יידישן קאָלעגע ער זאָל זיך מיט אים צונויפריידן פאַר זיי. דער יידישער דאָקטאָר איז אָבער שטאַרק פאַרשעמט געוואָרן, ווען ער האָט געמוזט צוגעבן אַז ער פאַרשטייט ניט זיין אייגענע מוטער־שפּראַך . . . ווען ער איז דערנאָך געווען צו גאַסט ביי זיינע עלטערן, האָט ער זיי פאָרגעוואָרפן הלמאי זיי האָבן אים קיין יידיש ניט געלערנט, און ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער וועט שוין זען אַז זיינע קינדער זאָלן יאָ קאָנען זייער שפּראַך און קולטור, כדי ווען זיי וועלן קומען אין אַ געזעלשאַפט וווּ מען וועט געברויכן זייער שפּראַך, זאָלן זיי ניט פאַרשעמט ווערן . . .

איך בעט אַלע מיינע פריינט קומען צו דער טיי און זען מאַכן די אונטערנעמונג אַ דערפאָלג.

* * * * *

שול־טוער, לערער און ביישטייערער! צום ערשטן מאָל האָב איך געזען דעם נייעם בנין און עס האָט מיך אַוועקגעטראָגן מיט 36 יאָר צוריק, ווען עס האָבן זיך צוזאַמענגענומען 17 יונגע עלטערן צו גרינדן אַ יידיש־וועלטלעכע שול. מיט גרויס מסירת נפש איז עס אָנגעקומען ביז מען האָט זיך איינגעבעטן אין דער ענגלישער פּאַבליק סקול אויף אַבערדין, י. העסטרין (היינט אין ישראל) איז געווען פּרינציפּאַל און דר. ב. גינזבורג, דער לערער.

איך בין ניט בכוח אָפּצושאַצן אייער בייטראַג פאַר דער יידישער דער־

ציונג, דאָס וועט זיכער טאָן דער היסטאָריקער וואָס וועט שרייבן די יידישע געשיכטע פון מערב קאַנאַדע. איך האָב אָנגעפאַנגען מיט 17 קינדער און היינט האַלט שוין קע"ה ביי 600, פון קינדערגאָרטן ביז די העכערע קלאַסן. איך האָב געפּלאַנצט א יונג ביימל מיט 36 יאָר צוריק, וואָס האָט זיך צע־צווייגט און געלאָזן טיפע וואָרצלען. וויניפּעג איז א מוסטער אויפן גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט און מען לערנט א סך פון איר. די היגע שול־טוערס האָבן געשאַפן פאַר זיך א מאָנומענט אויף דורות לאַנג.

דערביי וויל איך ברענגען אַן עפּיזאָד: מען האָט מיך איינגעלאַדן צו א דינער, וווּ איך האָב זיך באַקענט מיט צוויי יונגעלייט וואָס זיינען מיט 18 חדשים צוריק געקומען פון אונגאַרן. זיי האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט די לאַנד־שפּראַך, לײדער אָבער קאָנען זיי קיין יידיש ניט ריידן. זיי באַדויערן עס זייער און זאָגן אַז אין וועלכן לאַנד זיי זיינען געקומען האָט זיי אויסגע־פעלט די יידישע שפּראַך, און זיי ווילן דערפאַר שוין זען, אַז זייערע קינדער זאָלן קריגן א יידישע דערציונג.

איך וויל דערפאַר באַגריסן די יונגע עלטערן וואָס גיבן אָפּ זייערע קינדער אין קינדערגאָרטן פון דער יידיש־וועלטלעכער שול. שיקט זיי אין דער טאָג שול ביז די העכערע קורסן, האָט קיין מורא ניט פאַר זייער אַקצענט. ווען די קינדער קומען אָן אין אוניווערסיטעט מיט זייער יידיש־וויסן, זיינען זיי פון די בעסטע סטודענטן און געווינען סקאָלערשיפּס. זיי ברענגען דערנאָך נוצן דער גאַנצער מענטשהייט, זיינען שטאָלצע יידן, שטאָלץ אויף זייער פאָלק און בויען פאַר זיך א גליקלעכע צוקונפט.

* * * * *

איך בין געווען ביים פרויען סימפּאָזיום אין שלום עליכם שול, און געהאַט א גייסטיקן גענוס. מרס. גיטל סימקין האָט זייער גוט כאַראַקטערי־זירט די יידישע פרוי און איר ביישטייער צו דער שול באַוועגונג; מרס. שיין האָט גערעדט וועגן דער פרוי אין דער פאַרגאַנגענהייט און אויף ווי ווייט זי האָט דערגרייכט ביז איצט; מרס. אסתר מילער האָט גערעדט וועגן דער פרוי אין דער יידישער ליטעראַטור און קולטור, און מרס. שרה דאָרפמאַן האָט גערעדט וועגן דער פרוי אַלס דערציערין. די לעצטע האָט אַרויסגע־בראַכט דעם געדאַנק אַז די היינטיקע מאַמעס זיינען מער מאָדערן ווי די מאַ־מעס פונעם אַלטן דור, וועלכע האָבן ניט געקאָנט זיין קיין גוטע דערציערינס.

דערמיט בין איך שוין גאָרניט איינפאַרשטאַנען. ווען ניט די מאַמעס פונעם אַלטן דור, ווער האָט עס דערצויגן אַזעלכע גרויסע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן געשאַפן אַזאַ רייכע ליטעראַטור פאַר די לעצטע 60 יאָר, שוין אָפּגערעדט פון די הונדערטער יאָרן פריער? לייענט א. גלאַנצבס "אונדזערע קולטור אוצרות", אין דיי"וו, וועט איר זיך באַקענען מיט פיל גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן געשאַפן אַזאַ רייכע יידישע ליטעראַטור. זיי־ערע מאַמעס זיינען געווען די אַלטמאָדישע, האָבן ניט געשפּילט קיין ברידזש און ניט גערויכערט, און ניט געגאַנגען אין ביוטי פּאַרלאָרס . . .

* * * * *

א האַרציקן דאַנק צום לערער באַסמאַן, פאַר פּרעזענטירן מיך מיטן יובל־בוך — 25 יאָר עקזיסטענץ פון דער שלום עליכם שול. ווען איך האָב

איבערגעלייענט דעם בוך, וואָס איז זייער האַרציק און שיין געשריבן פון די לערער און שול־טוער, האָב איך זיך פאַרטראַכט אויף צוריק מיט 25 יאָר, וואָס פאַר א גרויסער יישר־כוח עס קומט די ערשטע בויערס און איצטיקע שול־טוערס, וואָס פאַר א לאַנגן און שווערן וועג זיי זיינען דורכגעגאַנגען . . . עס האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן דער שול, וועלכע ווערט פאַרזאָרגט פון אַלע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס זי איז צעשפּאָלטן פּאָליטיש . . . עס איז א גרויסע עוולה געווען פון די איצטיקע שול־טוערס וואָס זיי האָבן ניט דערמאָנט אינם יובל־בוך די נעמען פון די ערשטע בויערס . . .

די גוטע גיטל סימקין האָט מיט פיל דרך־ארץ און נשמה געשילדערט 25 יאָר מוטער פאַריין. זי געדענקט נאָך אוואדע מיט וועמען זי איז געשטאַנען ביי דער גרינדונג פונם מוטער פאַריין און צוזאַמען געאַרבעט פאַר דער פּראָגרעסיווער יידישער דערציונג — וואָלט זי געדאַרפט דערמאָנען זייערע נעמען . .

איך האָב לעצטן פּריוויט געלייענט אין דיי״ו די באַגריסונג פונם באַגאַבטן פּעדאַגאָג, מ. בלאָשטיין (געוועזענער לערער פון אַרבעטער רינג שול אין וויניפּעג, איצט אין די שטאַטן) און איך האָב צו זיך געטראַכט: וויפל חכמה און גוטסקייט מען דאַרף עס באַזיצן צו קאָנען זיין אזוי טאַלענטירט און אזוי שיין אַרויסזאָגן דעם אמת די לערער און טוער . . . די וואָרצלען וואָס דער לערער בלאָשטיין האָט געפלאַנצט פאַר דער פּראָגרעסיווער שול, האָבן מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אויף דער קולטיווירטער ערד פאַר יידישער דערציונג.

לאָמיר האָפן, אז די שלום עליכם שול וועט אַרויסגעבן גוטע תלמידים וואָס וועלן ברענגען נוצן דעם יידישן פאָלק אין א וועלט פון אמת און יושר.

* * * * *

לייענענדיק די נאָטיצן פון דער יידישער דערציונג ביוראָ האָב איך זיך דערמאָנט אין אן עפּיזאָד וואָס האָט מיר געטראָפן מיט 20 יאָר צוריק, ווען איך בין געווען אין לאָס אַנדזשעלעס. מיינער א פריינד, א געוועזענער וויניפּעגער תושב, האָט מיך איינגעלאַדן אויף א וואָך־ענד אין א פאָרשטעטל פון אַרום 20 טויזנט באַפעלקערונג, איינשליסנדיק 150 יידישע משפחות. פּריוויט, נאָך דער וועטשערע, זיינען מיר געגאַנגען באַטראַכטן דעם נייעם צענטער וואָס האָט זיך געבויט, וואָס האָט אויך איינגעשלאָסן א ת״ת פאַר אַרום 60 קינדער. דער ראַביי האָט מקבל שבת געווען און דערנאָך פאַרטייטשט דאָס דאַווענען אויף ענגליש. דער פּרעזידענט, מר. גאָלדשטיין, האָט דאַן געהאַלטן א רעדע און דערציילט וואָס עס האָט אים געמאַכט צו געבן 25 טויזנט דאָלאַר אויף א יידישן צענטער:

ביז 16 יאָר האָט ער אליין געקראָגן א יידיש־טראַדיציאָנעלע דערציונג און דערנאָך, פאַר 23 יאָר, איז ער אוועק פונם אלף־בית. מיט א פּאָר חדשים צוריק איז ער געווען ביי א פאַרזאַמלונג פון 300 קריסטן און נאָר צוויי יידן. דאָרט האָט מען גערעדט וועגן בויען א קירך און א שול פאַר די קינדער. און דאַן האָט ער זיך פאַרטראַכט: וואָס וועט זיין מיט א יידישער דערציונג פאַר זיינע קינדער ? . .

אזוי ווי איך בין געווען א גאַסט, האָט מען מיך אויך מכבד געווען

מיט א וואָרט. האָב איך זיי דאַמאָלסט געזאָגט: "גיט אייערע קינדער א יידישע דערציונג: זאָלן זיי לערנען זייער שפּראַך, זייער קולטור, אז שפּעטער, נאָך 23 יאָר, זאָלן זיי זיך אויך דערמאָנען צו געבן זייערע קינדער א יידישע דערציונג".

ערשט לעצטע וואָך האָב איך זיך געטראָפן מיט א יונגער מוטער, וועלכע האָט מיר געזאָגט אז זי וועט אירע קינדער ניט שיקן אין א יידישער שול, ווייל אירע טאַטע־מאַמע זיינען ניט מער צווישן די לעבעדיקע — דאַרפן זיי קיין יידיש ניט.

ליבע עלטערן פון יונגע קינדער! ניט צוליב דעם וואָס מען האָט א יידישע באָבע מיט א זיידן, דאַרפן די קינדער קענען יידיש, נאָר כדי זיי זאָלן וויסן זייער געשיכטע, זייער קולטור, בפרט נאָך איצט, ווען אונדזער פאָלק איז געוואָרן מיט פעלקער גלייך . . . זיי דאַרפן פאַרזעצן די גאָלדענע קייט פון יידישער דערציונג אין יעדער לאַנד ווו זיי געפינען זיך. שיקט אייערע קינדער אין די יידישע שולן — דאָס וועט זיין די העכסטע ירושה נאָך 120 יאָר, פאַר אייערע קינדער אויף דורות לאַנג.

* * * * *

איך האָב באַזוכט דעם זומער־קעמפּ פונם היגן השומר הצעיר, ניט וויט פון גרענד־ביטש, אויפן וועג צו וויקטאָריא ביטש.

פאָרנדיק צום קעמפּ האָבן מיר אביסל געבלאָנדזשעט (ווייל מיר זיינען געפאָרן ווי "גרינע"), אָבער די טירחה איז כדאי געווען. דער קעמפּ געפינט זיך אין זייער א שיינעם געגנט נאָענט צום וואַסער ביי א גרויסן קלאָר־ווייסן זאַמד־ברעג.

די קינדער ארום 35 אין צאָל, כן ירבו, קומט א יישר כוח פאַר זייער אויפטו, אָן וועלכער עס איז שטיצע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, געטריי צום "השומר" פּרינציפּ, האָבן זיי אליין, אָן וועלכער עס איז הילף פון דערוואַקסענע, אויסגעבויט א געביידע פאַר אַן עס־צימער און קיך, און אויפגעשטעלט ביידלעך (טענטס) צום שלאָפן, ווי אויך פּלעצער פאַר ספּאָרט און שפּילן. עס געפינען זיך דאָרטן בחורים און מיידלעך אינם עלטער פון 10 ביז 20 יאָר.

יעדער טאָג האָט אַן אויסגעשטעלט פּראָגראַם פון ארבעט און אַקטי־וויטעטן. זיי קאָכן אליין און וואַשן אליין, און יעדער טאָג בייטן זיך די קינ־דער מיט דער ארבעט. די פרייע צייט ווערט פאַרבראַכט אין לערנען יידישע געשיכטע, העברעיש און אין דיסקוסיעס. שבת ארבעט מען אינגאַנצן ניט, נאָר מען פאַרברענגט גייסטיק. רחל ניטיקמאַן (גראַדויִרט פון פּרץ שול) און אב יאַרמאַר, פירן אָן מיט ספּאָרט און שפּיל; אברהם יודאַוויטש, א תלמיד פון פּרץ שול און איצט פון דער ליבאַוויטשער ישיבה, לערנט העברעיש, און זיינע תלמידים שליסן איין קינדער פון אלע וויניפּעגער יידישע שולן — תלמוד תורה, פּרץ שול און שלום עליכם שול — אָבער אין קעמפּ זיינען זיי אלע "ארץ־ישראל" קינדער.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט פון וואַנען זיי נעמען די מיטלען אָנצופירן דעם קעמפּ, האָבן זיי מיר געזאָגט אז דאָס קומט פון זייער יערלעכן פרילינג נשף (קאָנצערט), פון א יערלעכער טיי וואָס די מוטערס פון "השומר" קינ־דער פירן דורך, פון מיטגלידער אָפּצאָל און פון ביישטייערונגען פון די עלטערן.

צום סוף וויל איך באמערקן, אז יוניפעג ביטש און אנדערע קעמפּס וואָלטן זיך געדאַרפט נעמען א ביישפּיל פון "השומר" ווי צו האַלטן ריין און ציכטיק א קעמפּ . . . פריי פון פּאַפּירלעך און אָרענדזש שאָלעכצן, און באַזירט אויף אייגענער אַרבעט.

אונדזערע צוקונפטיקע קעמפּער פאַר מדינת ישראל זיינען ווערט געשטיצט צו ווערן.

וועגן יידישער קולטור און ליטעראַטור

איך האָב געלייענט משה קאַנטאָרס אַרטיקל "א האַלבע שעה לייענען יידיש", נו, האָב איך אויך עפּעס צו דערציילן, און איצט איז טאַקע די פּאַסיקע צייט פאַר דעם, אין פאַרבינדונג מיט דער קאָנפערענץ פון פאַרשטייערס פון קולטור און יידישער דערציונג.

אזוי ווי איך בין א געהילף קאַלערטאַרין ביי ב. מילער פאַרן "טאָג", פאַר די לעצטע 27 יאָר, איז מיר אויסגעקומען זיך באַקענען מיט א סך יידישע שטיבער. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז מיר אויסגעקומען צו קאָלעקטן ביי א יונגער יידישער פאַמיליע. עס זיינען געווען דריי יינגלעך, נאָך צו יונג צו גיין אין שול. אזוי ווי די עלטערן האָבן קיין ענגליש ניט געקאָנט, האָבן זיי געלייענט די יידישע ליטעראַטור און זיינען געגאַנגען צו יידישע לעקציעס. דריי יאָר צייט האָבן איך ביי זיי געזאַמלט פאַרן "טאָג", און דערנאָך האָבן זיי די צייטונג מער ניט געוואָלט. געזאָגט האָבן זיי אז "זיי האָבן מער ניט קיין צייט צו לייענען".

עס איז אַוועק א צייט און איך האָב זיך מיט זיי מער ניט געטראָפן. אָבער לעצטע וואָך האָב איך די פרוי געטראָפן. זי האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיר. איך האָב זי געפרעגט פאַרוואָס מען זעט זי ניט אין דער יידישער גאַס און צי אירע קינדער גייען אין א יידישער שול. ענטפערט זי מיר מיט א געלעכטער: "מרס. שעכטער, מיר האָבן זיך שוין אויסגעגרינט. צו מיר אין שטוב קומט אריין די "פּרי פּרעס" און ענגלישע זשורנאַלן וואָס מיינע יינגלעך האָבן ליב. איך קאָן שוין אויך אביסל ענגליש".

איך פרעג זי וואָס פאַר א יידישע צייטונג עס גייט איצט צו זיי אין הויז, צי זיי האָבן געקויפט זאַלפּס בוך — ניטאָ קיין צייט צו לייענען! פאַרוואָס שיקט איר ניט די קינדער אין א יידישער שול? — עס איז צו ווייט און ווינטער איז צו קאַלט . . . צו וואָס דאַרפן זיי א יידישע שול? . . וואָס וועט זיי די יידישע שול געבן? . . איך האָב צו מיין עלטערן יינגל גענומען א רבין אויף עטלעכע חדשים פאַר זיין בר־מצווה — ער האָט געזאָגט א שיינעם ספּיטש . . .

איך ענטפער איר אז דאָס איז ניט גענוג. יידישע קינדער דאַרפן באַקומען א יידישע דערציונג, דאַרפן קענען זייער שפּראַך, זייער געשיכטע, זייער קולטור און זייערע טראַדיציעס; זאָלן זיין שטאָלצע יידן, ניט שעמען זיך מיטן נאָמען ייד. זי אליין דערציילט אז איר יינגסטער יינגל קומט פון סקול און זאָגט אז די ענגלישע קינדער רופן אים "דזשו", און ער פרעגט: "צו וואָס דאַרפן מיר זיין יידן?"

איך ענטפער איר, אז ווען זי שיקט אים אין א יידישער שול, וואָלט ער אזעלכע זאַכן ניט געפרעגט. זי זאָגט אז עס איז צו ווייט, צו קאַלט . . .

עס דערמאָנט מיך וואָס א. גלאַמב האָט מיר אַמאָל דערציילט: ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר, האָבן אים די עלטערן פון דאָרף געשיקט אין שטעטל אַריין זיך לערנען. איז ער צוריק אַנטלאָפן אין דאָרף אַריין. עס איז געווען ווינטער צייט, האָט די מאַמע זיך אָנגעשריען אויף אים. א גוי איז געפאָרן אין שטעטל אַריין, האָט זי אים אַריינגעזעצט אין וואָגן און אָפּגעשיקט צוריק אין שטעטל. זי האָט גאָרניט מורא געהאַט אַז אפשר איז צו קאַלט פאַרן קינד. אָבער ווו נעמט מען אַזעלכע מאַמעס? אפילו אַזעלכע באָבעס האָבן מיר שוין אויך ניט!

איך קאָן א באָבע, וואָס איר אייניקל גייט אין פּריץ שול, רעדט זי צום קינד אין זייער א צעבראָכענעם ענגליש. זאָג איך צו איר: פאַרוואָס רעדט איר ניט צו איר יידיש? ענטפערט זי, אַז זי וויל זיך אויסלערנען ענגליש ריידן.

איך קאָן א יידן, וואָס איך פלעג ביי אים קאָלעקטן פאַרן "טאָג", איצט שוין ניט. פרעג איך ביי אים וועלכע יידישע צייטונג ער האַלט איצט. ענטפערט ער מיר: "קיין שום יידישע צייטונג ניט". פרעג איך אים פאַרוואָס. ענטפערט ער מיר, אַז ער וווינט צווישן גויים, מוז ער האָבן אַן ענגלישע צייטונג. "איך קאָן זי ניט לייענען, וואָלט בעסער געוואָלט האָבן א יידישע צייטונג, אָבער אַמאָל קומט אַריין דער גויישער שכן, איז ניט שיין צו האָבן אין הויז די "פּרי פּרעס". . .

אין וויניפּעג־ביטש בין איך אַריינגעגאַנגען אין א גראָסערי סטאָר, זיך געטראָפן מיט מיינער א באַקאַנטער. ריידן מיר צווישן זיך יידיש, רופט זיך אָפּ א צווייטע פרוי צו אונדז: "איר דאַרפט זיך שעמען צו ריידן יידיש, ווען ענגלישע זיינען דאָ אין סטאָר".

עס זיינען מיר באַקאַנט יונגע עלטערן וואָס זייערע צוויי קינדער זיינען געגאַנגען אין פּרץ שול קינדערגאָרטן. עס איז ניט געווען ווייט פון זייער וווינונג. דערנאָך האָבן זיי זיך אַרויסגעצויגן ווייטער נאָרד, די קינדער האָבן שוין באַלד געדאַרפט אָנהויבן גיין אין טאָג־שול, זיינען די קינדער געגאַנגען אין דער אָפּטיילונג ביז 6 יאָר, און מען שיקט שוין מער ניט די קינדער אין דער יידישער שול. איך טרעף זיך מיטן פאָטער און פרעג אין וועלכער שול די קינדער גייען, ענטפערט ער מיר, — אין קיין שום שול ניט. זיי וועלן נאָך האָבן צייט צו לערנען יידיש. זאָל זייער אַקצענט זיין מער ענגליש.

איך וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך א סך אַזעלכע ביישפּילן.

איך באַגריס די קאָנפערענץ פאַר יידישער דערציונג און קולטור — זאָל זיין אין א מזלדיקער שעה.

וויניפּעגער יידן! פאָלגט מר. קאַנטאָרס עצה — לייענט יעדער טאָג א האַלבע שעה יידיש — עס איז א מציאה! . .

* * * * *

אייך איז באַקאַנט אַז יעדער יאָר, אינם חודש פאַרן יידישן בוך, וואָס ווערט דערקלערט פון די ליטעראַטן און קולטור־טוער, איז שוין ביי מיר א טראַדיציע צו שרייבן א פּאָר ווערטער וועגן דעם.

די יידישע ליטעראַטור, געשאַפן פון אונדזערע באַרימטע קלאַסיקער, ווערט איבערגעזעצט אין אַלע שפּראַכן, אָבער ווערט זייער ווייניק געלייענט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן מיר האָבן שוין איצט אויף יידיש דעם תנ"ך

איבערזעצט פון יהואש, און אויך דעם משניות, איבערזעצט פון דר. שימחה פעטרושקא (איצט אויף א באזונדער אין וויניפעג), — זאָלן נאָר זיין די לייענער.

עס דערמאָנט זיך מיר אן עפּיזאָד: צוריק מיט צוויי יאָר איז דאָ געווען צו גאַסט א יידישע דיכטערין מיט אירע ביכער. מיינע א באַקאַנטע האָט געקויפט א בוך. שפּעטער מיט עטלעכע חדשים פרעג איך איר: ווי געפעלט אייך דאָס בוך? דערויף ענטפערט זי מיר: מרס. שעכטער, ווער האָט עס צייט פאַרן יידישן בוך? עס איז ניטאָ קיין צייט איבערצולייענען אפילו אן ענגליש בוך און אן ענגלישע צייטונג . . . לאַנטשעאָנס איז דאָ אַלע וואָך, אמאָל נאָך צוויי אין א וואָך, אזוי אז מען האָט ניט קיין צייט צו לייענען . . .

וואָס וועט שוין זיין מיט א דור שפּעטער? די קינדער וואָס גייען יאָ אפילו אין שול, איז ווען זיי גייען אוועק פון שול גייט מיט זיי אויך אוועק די שפּראַך . . . עס גייט אַוועק א פּאָר יאָר און ווען זיי ווילן אמאָל שוין יאָ ריידן יידיש, פעלט זיי שוין אוים ווערטער.

עלטערן, פאַרנאַכלעסיקט ניט די שפּראַך פון אייערע קינדער! פלעכט די גאָלדענע קייט פון דער יידישער קולטור! זאָלן יידישע דיכטער קאָנען ווייטער אָנגיין מיט זייערע גייסטיקע שאַפונגען!

* * * * *

א דאַנק ל. ראָזנבערגן פאַר זיין ענגלישן קאָלום· לכבוד דעם יידישן בוך. דעם יידישן בוך וואָלט מען געמעגט ווידמען א גאַנץ יאָר און ניט נאָר איין חודש (און ניט וואַרטן ביז דער שרייבער קומט "פּעדלען" מיט זיין בוך). ער שרייבט גראָד, אז ניט נאָר ביכער געשריבן אין יידיש זאָל מען קויפן און לייענען, נאָר אַלע ביכער וואָס זיינען געשריבן פון יידישע שרייבער פאַרן יידישן פאָלק אויף פרעמדע שפּראַכן און אויך איבערזעצונגען געמאַכט פון באַוווּסטע העברעישע און יידישע שרייבער אויף פרעמדע שפּראַכן זאָל מען קויפן און לייענען.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך באַדאַנקען דעם חשובן לעקטאָר, ג. סו־דאַק, פאַר זיינע צוויי לעקציעס איבער דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, — "דער אוצר פון קוואַל" און "א שפּאַציר איבער דער אַלטער יידישער ליטעראַטור" — וועלכע האָבן מיר פאַרשאַפט גרויס גייסטיקן פאַרגעניגן. איך וואָלט רעקאָמענדירט אַלע פרויען־אָרגאַניזאַציעס און די לייענקרייזן צו מאַכן א שפּאַציר מיט ג. סודאַק איבער דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, עס וואָלט זיי זייער פיל נוצן געבראַכט אין זייערע קינדערס יידישער און וועלטלעכער דערציונג. זיי וואָלטן צוגעווינט זיך און זייערע קינדער צום יידישן בוך. זאָלן די טאַטעס און מאַמעס שפּאַצירן מיט זייערע קינדער אין דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור.

* * * * *

מיין האַרציקער דאַנק צו דניאל טשאַרני פאַר דעם גייסטיקן פאַר־געניגן וואָס זיינע אַרטיקלען און ביכער פאַרשאַפן צו טויזנטער לייענער.

זיינע זיכרונות און איבערלעבונגען אין דער סאַנאַטאָריע זיינען פול מיט שרייבערישער חכמה. איך אַליין בין שוין אין טיפער עלטער (ביי די אכציק), און האָב א סך איבערגעלעבט, אָבער מען דאַרף זיין א דניאל טשאַר־ני צו קאָנען דאָס אַזוי גוט אַרויסבערענגען. ביז צו אכציק האָט נאָך דניאל

טשארני א לאנגן וועג און ער וועט נאָך באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור אין א יושרדיקער וועלט.

* * * * *

איך האָב איבערגעלייענט צום צווייטן מאָל דאָס בוך געקליבענע "אגב־אורחאס", וואָס איז אָפּגעדריקט געוואָרן מיט דריי יאָר צוריק, און אין מיין מיינונג פאַרדינט עס דעם פּריז אין דער יידישער ליטעראַטור. יעדער וואָרט איז געקליבענע פּערל. מען קאָן א סך לערנען פון דעם בוך און איך האָב דערפון געהאַט גרויס גייסטיקן פאַרגעניגן. ווי איך פאַרשטיי זיינען נאָך פאַרבליבן א באַגרעניצטע צאָל קאָפּיעס פון דעם בוך און איך רעקאָמענדיר יעדערן צו קויפן א קאָפּיע. ווי איר זאָלט ניט זיין פאַרנומען א גאַנצן טאָג, מיט שווערער פיזישער אָדער גייסטיקער אַרבעט, איז ווען איר נעמט דאָס בוך אין האַנט און איר וועט איבערלייענען א פּאָר אגב אורחאס וועגן די יום־טובים, אָדער וועגן קינדער־דערציונג, וועט איר דערפילן א גייסטיקן פאַר־געניגן און א סך לערנען דערפון.

* * * * *

מיין האַרציקער דאַנק צו ב. צ. גאָלדבערג פאַר זיין "ענין יעזוס" פון ש. אש (צוויי קאָלומס אין "טאָג"). ער זאָגט אז ער איז ניט געוואָרן קיין קלעזמער, ווען ער פלעגט נעמען מוזיק־לעקציעס ביי דער נאָנע אין מאָנאַסטיר, ווייל דער יויזל איז אים געהאַנגען פאַר די אויגן. איך ווייס ניט וויפל די מוזיקאַלישע וועלט האָט פאַרלאָרן דורך דעם, איך ווייס אָבער יאָ, אז די יידישע קולטור האָט א סך געוואונען פון די קלוגע, לאָגישע קאָלומס וואָס ער שרייבט אַלע טאָג פאַר טויזנטער און טויזנטער יידישע לייענער און ברענגט גרויסע נוצן, און פאַרשאַפט א גייסטיקן פאַרגעניגן.

* * * * *

איך האָב געלייענט דאָס בוך "געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע" (אין ענגליש), פון ב. זאַקס, אַרויסגעגעבן פונם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס. די קריטיק לאָז איך איבער צו די ליטעראַטור־קריטיקער. וואָס מיך האָט אָבער פאַראינטערעסירט איז אז דאָס בוך דאַרף זיך געפינען אין יעדער יידיש הויז. נאָך מער, די פּרינציפּאַלן, לערער און שול־טוער פון די וועלטלעכע יידישע שולן און תלמוד תורות, וואָלטן זיך געדאַרפט פאַרטראַכטן איינצופירן אזא קענטנשטאַנד אין די קלאַסן. די קינדער וואָלט עס זייער צונוץ געקומען אין זייער אַקאַדעמישער בילדונג, צו וויסן דעם ביישטייער פון די ערשטע יידן צום אויפבוי פונם לאַנד.

אין דעם בוך ווערט דערמאָנט ווי אזוי די ערשטע יידישע קהילה איז געגרינדעט געוואָרן פון די ערשטע צוויי יידן, אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד. די ערשטע יידישע קהילה איז געגרינדעט געוואָרן אין מאָנטרעאָל, ווען קאַ־נאַדע האָט זיך נאָך גערופן ניי־פראַנקרייך און די ערשטע ספר תורהס זיינען צוגעשיקט געוואָרן פון לאָנדאָן, ענגלאַנד. דאָס ערשטע יידישע בית־עלמין, ווי בכלל דאָס נאַציאָנאַל־רעליגיעזע יידישע לעבן, האָט זיך נאָך אַנטוויקלט איידער קאַנאַדע איז געוואָרן אן ענגלישע קאָלאָניע און א דאָמיניאָן. עס ווערט דאָרט אויך באַשריבן ווי די יידן זיינען געקומען קיין וויניפּעג אין 1876.

די געשיכטע פון יידן אין קאנאדע איז זייער וויכטיק פאַרן יונגן דור, און עס לייענט זיך זייער שפּאַנענד.

* * * * *

לייענענדיק פון אָנפאַנג די זיכרונות פון פ. זאַלף, אין דיי"וו, פאַר־שאַפן זיי מיר א גייסטיקן פאַרגעניגן. עס האָט מיך אוועקגעפירט אויף 60 יאָר צוריק, צו מיין געבורשטאָט מעזביזש . . . איך האָב באַשלאָסן צו שרייבן אייך מיין אנערקענונג ביים סוף פון אייערע זיכרונות, קאָן איך אָבער ניט האַלטן וואָרט, באַזונדערס נאָכדעם ווי איך האָב איבערגעלייענט לעצטן פּריי־טיק, ווי שיין און האַרציק איר באַשרייבט דאָס חסידים־שטיבל אין בריסק מיט די חסידים און דעם רבין. א שאָד וואָס איר האָט ניט אנטייל גענומען אין חסידים־אוונט און דאָס זעלבע געזען אויף דער בינע ווי איר שרייבט אין צייטונג.

איך וואָלט רעקאָמענדירט די וואָס האָבן נאָך ניט אָנגעפאַנגען לייע־נען אייערע זיכרונות זיי זאָלן דאָס אָנפאַנגען פון דער פאָרזעצונג פון לעצטן פרייטיק. עס וועט זיי פאַרשאַפן פיל גייסטיקן פאַרגעניגן.

איך ווינטש אייך א פינאַנציעלן דערפאָלג. דער מאָראַלישער בין איך זיכער וועט זיין ווען אייערע זיכרונות וועלן געדרוקט ווערן אין בוך פאָרם און זיך פאַרקויפן אין די טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

* * * * *

מיין האַרציקער דאנק צו מאַרקן פאַר זיינע געלונגענע "אָגב אורחאָס" און באַזונדערס פאַר דעם קאַלום פונם 28טן יאַנואַר. עס האָט מיך דערמאָנט אָן די פּרויען לאָנטשעאָנס (ביי קיין מענערשע בין איך קיינמאָל ניט געווען), ווען מ'דאַרף אָפּגעבן א באַריכט פון א יאָר אַרבעט. די רעדע פון דער פאַר־זיצערין און די רעדעס פון אַלע קאָמיטעטן צוזאַמען מיטן פּראָגראַם פאַרנעמען די גאַנצע צייט און ווען עס קומט צום גאַסט־רעדנער, בלייבט שוין קיין גע־דולד ניט און דער עולם איז הונגעריק און הויבט זיך אָן "מופּן" פון בענק־לעך צו בענקלעך, אַזוי אַז דער גאַסט־רעדנער בלייבט שטיין אין מיטן דער רעדע און זאָגט: ווער עס וויל גיין זאָל גיין . . .

* * * * *

א יישר־כוח צו דר. ווייסטוב פאַר זיין לעצטן אַרטיקל: "ווו איז די יידישע היים?" אין דער דערציונג פון די קינדער באַשולדיקט ער די היים. קינדער וואָס גייען אַרויס פון די וועלטלעכע שולן אָדער תלמוד תורה, פאַרגעסן וואָס זיי האָבן געלערנט, און דער חשובער דאָקטאָר באַשולדיקט דעריין די עלטערן. ביי דער מוטער איז יידישע קולטור ווי א פינפטע ראָד צום וואָגן, און דער פאָטער איז "ביזי צו מאַכן געלט", ליגט אים ניט אין קאָפּ די יידישע קולטור. מיר זיינען באַקאַנט א סך היימען וואָס זיינען אויסגעהאַלטן הונדערט פּראָצענט, סיי רעליגיעזע און סיי יידיש־וועלטלעכע, אָבער וואָס פאַר אן עצה האָט איר פאַר דער פאַרגויישטער סביבה? ווען די קינדער גייען אוועק אין די קאַלעדזשעס פאַר העכערער בילדונג, איז די סביבה דאַרטן לחלוטין א גוישע — וואָס פאַר אן עצה גיט איר דערצו ? . .

* * * * *

אינם אגב אורחא "די גאלאמבס", דערקלערט דער שרייבער, אז גאלאמב וועט אים שטארק אויספעלן, און ער דריקט אויס די זיכערקייט אז די זעלבע מיינונג טיילן א סך וויניפעגער און קאנאדער יידן. איך בין פון די ערשטע וואס טיילן מיט אים די דאזיקע מיינונג. א. גאלאמב וועט מיר שטארק אויספעלן גייסטיק. ביי מיין טיפער עלטער, פאר די זעקס יאר וואס די גאלאמבס זיינען געווען אין וויניפעג, האב איך פיל געלערנט און געהאט א גרויסן גייסטיקן פארגעניגן פון די 120 טראדיציאנעלע פרייטיק צו נאכטן, פון גאלאמבס אגדה לייענען, צו וועלכן הונדערטער קינדער האבן זיך צוגעהערט. דאס וועט זיך ביי זיי איינקריצן אין זייערע יונגע מוחות.

דער פארלוסט פאר דער יוגנט איז זייער א גרויסער און איך בין זיכער, אז דיווארצלען וואס גאלאמב האט פארפלאנצט וועלן זיך צעוואקסן אין גוטע פרוכט־ביימער.

וועגן רבקה גאלאמב האב איך זייער פיל צו שרייבן. ביי מיין טיפער עלטער האב איך געהאט דעם כבוד צו זיין ביי איר א געהילף לערערין ווען זי האט ארגאניזירט קלאסן פאר האנט ארבעט ביי דער פרץ שול. איך האב תמיד באוואונדערט איר מוט, ענערגיע און געדולד. עס פלעגן זיך צוזאמענקומען יעדער זונטיק אינדערפרי ביז 50 קינדער. די דאזיקע ארבעט איז ניט געווען איינגעשלאסן אינם פראגראם פון דער שול . . .

איך ווינטש זיי א געזונטע, גליקלעכע רייזע אין זייער נייער היים, ווו זיי זאלן פארזעצן זייער גוטע ארבעט פאר יידישער דערציונג.

* * * * *

לייענענדיק אז לואי ראזנבערג און פרוי פארן ארויס פון וויניפעג צו באזעצן זיך אין מאנטרעאל, און זייענדיק פערזענלעך באקאנט מיט זיי און א גרויסע חסידה פון ראזנבערגס ענגלישן קאלום אין אונדזער צייטונג, וועלכע פארשאפן מיר גרויס פארגעניגן, וויל איך זיי אויסדריקן מיינע הארציקסטע ווונטשן צו זייער אפפאר.

דעם לעצטן קאלום "דרייסיק יאר", האב איך עטלעכע מאל איבערגעלייענט. איך בין ניט בכוח אפצושאצן זיין גרויסן ביישטייער צום מערב קאנאדער יידישן ישוב פאר דרייסיק יאר. דער געשיכטע שרייבער וועט עס זיכער באטאנען און אפשאצן.

פאר די דרייסיק יאר זיינען פיל אימיגראנטן געקומען, האבן זיך אפשר געפלאגט די ערשטע צייט, אבער פיל פון זיי האבן זיך ארויפגעארבעט און זיינען רייך געווארן. מר. ראזנבערג האט פארבראכט זיינע בעסטע יארן אויף די פריירים, גריבלענדיק זיך און פארשנדיק דאס מערב קאנאדער יידישע פארמער לעבן און דאס יידישע דערציונג פראבלעם. אליין געווען א לערער פון קינדערגארטן ביז גרעיד 12, און אליין געווען דער דזשעניטאר פון דער שול . . . ווי איך פארשטיי האבן די ראזנבערגס ביז איצט ניט געלעבט אין לוקסוס. דערפאר לעבן זיי אבער א גייסטרייך לעבן, ווייל מיט זיין פארשונג ארבעט האט ראזנבערג זיך דערווארבן גרויס אכטונג וואס וועט קיינמאל ניט פארלארן גיין (ניט אין די רעיסעס און ניט אין סטאקס).

איך ווינטש די ראזנבערגס א גליקלעכע רייזע מיט פיל יארן פון געזונט און צופרידנהייט אין זייער נייער היים. זאל די צווייטע־העלפט פון זיין לעבן און שאפונג ברענגען גוטע נייעס פאר אונדזער מארטירער פאלק, וואס זאל

אויפגעריכט ווערן, און איך האָף אַז די וויניפּעגער יידן וועלן נאָך האָבן דאָס פאַרגעניגן צו לייענען ווייטער זיין קאָלום אין אונדזער צייטונג יעדער פרייטיק.

* * * * *

איך האָב געלייענט פּ. זאַלפּס אַרטיקל וועגן אַברהם גאַלאַמב, ווי אַזוי מעקסיקאָ האָט געפייערט זיין 60טן געבוירנטאָג ניט לאַנג צוריק, און ווי עס זיינען אָנגעקומען באַגריסונגען פון גרויסע פּערזענלעכקייטן, און וואָס תלמי־דים און פאַרערער האָבן געשריבן וועגן אים אין די צייטונגען און זשורנאַלן.

איך בין ניט פון די גרויסע פּערזענלעכקייטן, אָבער איך בין אַ גרויסע חסידה פון די גאַלאַמבס. עס דערמאָנט מיך אָן אַן עפּיזאָד: איידער די גאַ־לאַמבס האָבן פאַרלאָזט וויניפּעג, באַגעגנט מיך דער געוועזענער פּרינציפּאַל פון דער שלום עליכם שול, ל. באַסמאַן, און זאָגט צו מיר: מרס. שעכטער, וויניפּעג פאַרלירט אַ גרויסע פּערזענלעכקייט דורך גאַלאַמבס אַוועקפאָרן. כאָטש איך מיט אים זיינען מיר צווייי באַזונדערע וועלטן, אָבער לערערס און שול־טוערס דאַרפן אַ סך לערנען פון אים און זיין בייטראַג צו יידישער דערציונג.

עס ליגט אין דעם אַ גרויסער אמת. זיין נאָמען ווערט זייער אָפט דערמאָנט מיט גרויס דרך־ארץ פון זיינע תלמידים. איך האָב קענען־געלערנט די גאַלאַמבס פאַר די 6 יאָר וואָס זיי זיינען געווען אין פּרץ־שול און האָב געזען דעם גרויסן בייטראַג זייערן צו יידישער דערציונג. עס איז ביי זיי אַן אידעאַל.

די גאַלאַמבס האָבן קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרברענגען פּריוואַט מיט געזעלשאַפט. עס דערמאָנט מיך, אַז גאַלאַמב האָט מיך אַמאָל באַגענט און געזאָגט: חברה שעכטער, ווען איך גיי אַרויס פון שול אַהיים, אויף מיטאָג, זע איך קיינעם ניט פאַר זיך. איך בין פאַרטראַכט און ביז איך קום אַהיים האָב איך שוין עפּעס וויכטיקעס אָנצושרייבן.

דאָס זעלבע איז רבקה. זי האָט אויך קיין צייט ניט געהאַט צו פאַר־ברענגען פּריוואַט. איר גאַנצע צייט האָט זי געווידמעט דער שול, צו לערנען די לאַנד־שפּראַך, מוזיק און צו זיין אַ באַלעבאָסטע אין איר היים.

איך ווינטש די גאַלאַמבס נאָך לאַנגע יאָרן צו זיין פּיזיש געזונט און צו זען די פאַרווירקלעכונג פון זייער אידעאַל פאַר דער יידישער דערציונג. יידישע שפּראַך און קולטור, אין אַ יושרדיקער וועלט וווּ אונדזער פאָלק וועט לעבן בשלום מיט אַלע פעלקער אין דער וועלט.

* * * * *

דער קולטור חודש וואָס דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס פירט דורך, האָט זיך געעפנט מיט אַ באַנקעט לכבוד דעם 40־יאָריקן יובל פון "דאָס יידישע וואָרט" און דערפאַר קומט אַ גרויסן יישר־כוח דעם ענערגישן סעקרע־טאַר מ. אָווערבאַך. איך בין געקומען צו דעם איינדרוקפולן באַנקעט קראַנ־קערהייט און איך האָב געזען אַ שיין־באַלויכטענעם זאַל מיט 300 מענטשן — אַלע האָבן אויסגעזען יום־טובדיק.

מיין דמיון האָט מיך פאַרטראָגן אויף צוריק מיט 45 יאָר, ווען עטלע־כע באַוווסטזיניקע יונגעלייט האָבן געפּלאַנצט די וואָרצלען וואָס האָבן זיך אַזוי פאַרצווייגט און צעשפּרייט, און אויב וויניפּעג איז היינט אַ מוסטער פון אַ יידישער שטאָט, איז עס אַ דאַנק יענע עטלעכע עקשנים, מיט דער מיט־הילף פון אונדזער חשובער צייטונג.

עס איז מיר צוגעקומען געזונט צו זען דעם ארויסגעבער, פייוועל סימקין, מיט זיין פאמיליע, און דעם רעדאקטאָר, מארק זעלטשען — נאָר די געשיכטע שרייבער וועלן קאָנען אָפּשאַצן דאָס וואָס זיי האָבן בייגעטראָגן פאַר 40 יאָר צייט צו דער יידישלעכקייט פון וויניפּעג און גאַנץ מערב קאַנאַדע.

איך וויל אויך דערביי באַמערקן צום קאָנגרעס, וועלכער איז אַזוי פאַראינטערעסירט אין יידישער קולטור, אז עס וואָלט שוין לאַנג צייט געווען ער זאָל ארויסנעמען די יידישע פאָלקס ביבליאָטעק פונם קעלער אויף אבערדין עווענוּ, און איר געבן א בכבודיקן פּלאַץ, וווּ עס זאָל זיך געפינען א שטענדיקער ביליאָטעקאר א גאַנצן טאָג און ווו מ׳זאָל קאָנען אריינקומען צו יעדער צייט לייענען א צייטונג אָדער א בוך. די ביבליאָטעק איז ניט קיין פּארטייִשער ענין, נאָר דאַרף דינען דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט אין אַלע אירע שאַטירונגען און ריכטונגען, און עס דאַרף זיין די ארבעט פונם קאָנגרעס צו זען אז דער וועלפער פאָנד זאָל זי שטיצן בכבוד.

* * * * *

עס קומט א יישר־כוח דעם לערער ב. צ. זארעצקי, וועלכער איז ניט נאָר א גוטער לערער, נאָר ער נעמט אויך אן אקטיוון אנטייל אין דער ארבעט ארום דער ביבליאָטעק. עס איז איצט אָנגעשטעלט געוואָרן א נייער ביבליאָטעקאר, מר. אספער, און די ארבעט ווערט אָנגעפירט סיסטעמאַטיש. א סך נייע ביכער זיינען אויסגעשריבן געוואָרן — זאָלן נאָר צוקומען א סך לייענער. איך האָף אז די ביבליאָטעק וועט בקרוב אויך האָבן אן אייגענע היים, וועלכע וועט זיין אָפן א גאַנצן טאָג, און ניט פון 8 ביז 10 אין אָוונט.

* * * * *

אין פאַרבינדונג מיטן באַזוך פון מיין לאַנדסמאַן, הרב א. ביק, האַלט איך פאַר מיין חוב און כבוד צו זיינע אור־עלטערן, וועלכע איך האָב זייער גוט געקאָנט, אָפּצולייקענען די באַהויפּטונג וואָס אייניקע האָבן דאָ געמאַכט, אויסדריקנדיק זיך: ״מען קומט קיין אמעריקע און מען ווערט א רב, און מען זאָגט אז מען שטאַמט פון דורות רבנים״. . . איך בין א לעבעדיקער עדות, איך האָב אליין געקאָנט זיין עלטער־זיידן און עלטער־פעטער אלס רבנים, און מיין באָבע האָט מיר דערציילט, אז זיי שטאַמען פון פיל דורות רבנים. מיין פאָטער ע״ה, אליין א גרויסער למדן און משכיל, האָט געדאַוונט אין דער מתנגדישער קלויז פון זיין אור־אור עלטער־זיידן, און פלעגט לערנען מיט זיין זיידן און פעטער צוזאַמען. זיין עלטער־זיידע, ר׳ שימחהלע, איז דערנאָך געוואָרן רב אין מאָהילעוו, פּאָדאָלסק, און זיין זיידע, ר׳ יצחק (איציקל), איז שפּעטער געווען רב אין מעזשביזש.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אים די מעזשביזשער לאַנדסלייט ארויסגענומען קיין ניו־יאָרק, מיט דער פאַמיליע, פאַר זייער מעזשביזשער שול. זיין זיידע איז געשטאָרבן צוריק מיט 13 יאָר, און זיין פאָטער איז איצט רב אין ברוקלין, אין דער מעזשביזשער שול. זיינער א קוזין, חיים ביק, איז אויך א רב אין ברוקלין.

עס איז אויך אמת אז מען קאָן אמאָל זיין א גרויסער יחסן און אליין גאָרנישט ניט האָבן, אָבער הרב אברהם ביק פאַרמאָגט אויך יחוס עצמו דורך זיין גרויס וויסן אין תורה און חכמה, מיט אקאַדעמישער און וועלטלעכער בילדונג. ער איז א תלמיד פון הרב קוק, פון ארץ־ישראל.

מ׳פרעגט ביי מיר: ווי קומט ער צו די פּראָגרעסיווע קרייזן? נו, זיינען די פּראָגרעסיוון שוין אויך געקומען צום שכל, אז א רב מיט א יארמעלקע, וואָס פּאַרט ניט אום שבת און גייט אין שול דאַווענען, קאָן אויך זיין א גוטער מאַרקסיסט . . .

איך האָב געהאַט א גרויסן גייסטיקן פאַרגעניגן פון זיינע פיר לעק־ציעס. ער האָט ניט געוואָלט מאַכן דעם פרומען יידן פּראָגרעסיוו, אָדער דעם פּראָגרעסיוון יידן פרום — זיינע לעקציעס זיינען ניט געווען קיין אקאַדעמישע, נאָר פון גרויסער עטישער מאָראַל און סאָציאַלער גערעכטיקייט.

ער האָט באַזוכט די פּרץ־שול און איז געווען זייער באַגייסטערט. ער זאָגט אז אויפן אמעריקאַנעם קאָנטינענט איז די פּרץ־שול די בעסטע. ער האָט געגעבן א יישר־כוח די שול טוער וואָס האָבן זייער פיל בייגעטראָגן פאַר דער יידישער דערציִונג. זאָלן נאָר די עלטערן קומען צום באַוווסטזיין און שיקן די קינדער אין דער יידישער טאָג־שול, וועט מען קאָנען דערציִען שטאָלצע יידן, וואָס וועלן פלעגן די גאָלדענע קייט פון יידישקייט.

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו פאַרברענגען מיט הרב ביק צוויי שעה ביי מיר אין הויז און איך ווינטש אים נאָך פיל שעפערישע יאָרן פאַרצוזעצן די גאָלדענע קייט פון זיינע אור־עלטערן אין א שענערער, יושרדיקער וועלט, אזוי ווי ער פּרעדיקט.

* * * * *

ביים אָפּשייד־אָוונט פאַר י. ל. גרוזמאַן, רעדאַקטאָר פון אַרגענטינער ״שפּיגל״, זיינען געווען צוויי פאָרשטייערס פון די היגע די־פּיס (פליכלינגען), וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער אנטוישונג אין די וויניפּעגער קולטורעלע דערגרייכונגען. מר. גרוזמאַן האָט זיי געענטפערט ווי א גוטער בעאָבאַכטער פאַר די צוויי וואָכן וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט.

מיינע ליבע פריינט, איך בין ניט קיין געשיכטע־שרייבערין, נאָר ווען איך בין אוועקגעפאָרן פון אָדעס, מיט קאַרגע 50 יאָר צוריק, ווו עס האָט געקאָכט און געלעבט א פול־בלוטיק יידיש לעבן און קולטור, שוין אָפּגערעדט פון דער רוסישער, און איך בין אָנגעקומען קיין וויניפּעג — איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך רייד שויז ניט פון די עקאָנאָמישע אומשטענדן פון א מאָדערנער שטאָט, נאָר פון די גייסטיקע באַדערפענישן צו וועלכע איך בין געוווינט געוואָרן: קיין יידישער פאַרזאַמלונג פּלאַץ, קיין אינסטיטוציעס. עס האָבן זיך שוין דאַמאָלסט געפונען אין וויניפּעג אַרום טויזנט משפּחות, געקומען אהער אין די אכציקער יאָרן, און זיי האָבן מיר געזאָגט, אז איצט איז שוין א גן־עדן, זיי זיינען שוין אביסל איינגעאָרדנט עקאָנאָמיש. עס האָבן שוין אויך עקזיסטירט צוויי שולן — אן אָרטאָדאָקסישע און א רעפאָרם, און אויך א ת״ת אין אן אַלטער הויז, ווו עס האָבן געלערנט עטלעכע קינדער.

די אימיגראַציע פון 1904 האָט געבראַכט א גרויסן שטראָם פון יוגנט־לעכע מיט העכערער בילדונג. זיי האָבן ניט געהאַט קיין לאַנדסלייט און קיין משפּחה פאַרבינדונגען און אויך די שפּראַך ניט געקאָנט. זיי האָבן זיך אָבער גענדאַרפט אליין פאַרזאָרגן מיט עקזיסטענץ. מען האָט געאַרבעט ביי דער שווערסטער ניט צוגעפּאַסטער אַרבעט, אָבער אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט דעם גייסטיקן אינהאַלט. ביינאַכט האָט מען געלערנט ענגליש, געגרינדעט קלובן, איינשליסנדיק א דראַמאַטישן קלוב, ווו מען האָט געשפּילט טעאַטער פאַר

געזעלשאַפטלעכע צוועקן. פון צייט צו צייט האָט מען אויך אַראָפּגעבראַכט די בעסערע לעקטאָרן פון ניו־יאָרק, ווי אויך די בעסטע יידישע קינסטלער פון טעאַטער און מוזיק.

מען איז געקומען יונג, האָט מען דאָ חתונה געהאַט. קינדער זיינען געקומען, האָט מען אָנגעהויבן זאָרגן פאַר זייער יידישער דערציונג. וויפל אָנשטרענגונג און ענערגיע האָט מען געדאַרפט אָנווענדן ביז עס איז פון 25 מענטשן געגרינדעט געוואָרן די יידיש־וועלטלעכע שול מיט 15 קינדער ? . . איינפירן דעם ערשטן קינדערגאָרטן אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, די ערשטע טאָג־שול, די ערשטע יידישע צייטונג ? . . דאָס איז געווען דער גרויסער ביישטייער פון די ערשטע וועלטלעכע יידן צום היגן ישוב אויפן געביט פון קולטור און דערציונג.

איר פרעגט: ווו איז אונדזער יוגנט? און איר זייט אַנטוישט אין איר . . . די יוגנט איז דאָ, עס ווערט גאָרנישט ניט פאַרלוירן . . . ווי האָט אַמאָל דר. חיים זשיטלאָווסקי געזאָגט: מען איז ניט געווען צופרידן מיט אונדז, מיר זיינען איצט ניט צופרידן, און די וואָס וועלן קומען נאָך אונדז וועלן אויך ניט זיין צופרידן . . .

קומט צו אונדז, נעמט אָנטייל אין אונדזער אַרבעט און ווייזט וואָס איר קאָנט אויפטאָן פאַר דער צוקונפט.

* * * * *

א ליטעראַרישער אָוונט איז דורכגעפירט געוואָרן אין הויז פון הערי שטיינבערג, 130 עש סטריט. וואָס מיך האָט באַזונדערס פאַראינטערעסירט איז זיין שיינע און ווערטפולע יידישע ביבליאָטעק, ווו יעדער בוך איז געלייענט געוואָרן, ווי אויך זיינע אַרכיוון מיט אויסשניטן פאַר פאַרשיידענע יידישע צייטונגען פון פאַרשיידענע ציטן, וואָס האָבן א ליטעראַרישן ווערט און האָבן נאָך ניט געהאַט די מעגלעכקייט געדרוקט צו ווערן אין בוך־פאָרם. אַלץ איז דאָרט סיסטעמאַטיש איינגעאָרדנט.

אַרום 30 געסט זיינען אָנוועזנד געווען. מר. שטיינבערג קאָן זיינע קליענטן און ער ווייס וואָס צו לייענען פאַר זיי. ער האָט געלייענט אייניקע אויסצוגן פון שלום עליכמס ווערק און אַן אויסשניט פון דר. קאַראַלניקס אַן אַרטיקל לכבוד דעם 50 יובל פון דער פרייהייט סטאַטוע אין ניו־יאָרקער האַפן: צ. ח. רובינשטיינס א פעליעטאָן און פון קאָוונערס הומאָר. די געסט האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. עס קומט מר. שטיינבערג א יישר־כוח פאַר דורכפירן אַזעלכע ליטעראַרישע אָוונט אין "ריווער הייטס", ווו די יידן האָבן שוין באַלד פאַרגעסן אַז עס איז דאָ א רייכע יידישע ליטעראַטור. מר. שטיינבערג ברענגט צו זיי דאָס יידישע וואָרט און די יידישע ליטעראַטור און מען פאַרברענגט א גייסטיקן אָוונט, און דאָס איז זיכער א ביישטייער צו דער יידישער קולטור.

ווי די מאָדע איז, האָט מען נאָך דער פאַרלעזונג געגאָסן פונם שיינעם כיבוד וואָס מרס. שטיינבערג האָט צוגעגרייט.

וועגן יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס

אַרויסברענגענדיק מיין מיינונג וועגן בייטן דעם נאָמען פונם בית־יתומים, וויל איך אויך זאָגן א פּאָר ווערטער צו די פרויען וואָס באַלאַנגען

מיט מיר צו דער "היברו לײדיס אָרפאַן אַסאָסיעישאַן".

צוליב פאַרשײדענע אורזאכן, האָב איך ביז איצט ניט געקאָנט װערן קײן מיטגלידערין אין דער לײדיס אָרפאַן אַסאָסיעישאַן, און אױך ניט פון דעם אסתר ראָבינסאָן בית יתומים. דערום האָב איך בײ דער פאַרזאַמלונג, אין שערי שמים שול, געקאָנט נײטראַל אױסהערן בײדע צדדים, און װען איך האָב דערנאָך אַלץ איבערגעקלערט, בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז אױב מיר, פרױען, זאָלן זיך װעלן אַפּטײלן און אַרבעטן יעדער באַזונדער, װעלן מיר פינאַנציעל לאַנג ניט קאָנען אױסהאַלטן — און אַז אַ בית יתומים דאַרף מען באַלד האָבן, אין דעם בין איך אפשר מער איבערצײגט װי װעלכע אַנדערע פרױ . . . איך בין אַלײן געשטראָפט צו זײן אַן אַלמנה מיט קלײנע יתומימלעך. אמת טאַקע, איך האָב גאָט צו דאַנקען פאַרזאָרגט מײנע יתומים. װען חס ושלום איך זאָל שטאַרבן, לאָז איך זײ איבער אַביסל געלט, זײ זאָלן האָבן אױף הלבשה און אױף עסן. אָבער אױף װעמען װאָלט איך זײ איבערגעלאָזט אױפצופּאַסן אױף זײ? און װיפל אַלמנות זײנען פאַראַן אין װיניפּעג װאָס קאָנען אפילו מיט קײן סענט ניט פאַרזאָרגן זײערע קינדער ? . .

אַלזאָ, אַלס אַלמנה, פיל איך מיט מײנע אומגליקלעכע שװעסטער, די אַלמנות און יתומימלעך, און איך װײס, אַז עס טאָר איצט קײן פראַגע ניט זײן װעגן דער עקזיסטענץ פון דער אינסטיטוציע, צי דער בית־יתומים װעט טראָגן אַזאַ אָדער אַן אַנדער נאָמען.

דער רוסישער שרײבער, קרילאָװ, האָט אַזאַ מין פאַבל: אַלע מײז האָבן באַשלאָסן אַז מען מוז פּטור װערן פון דער קאַץ, נאָר װי אַזױ דאָס צו טאָן האָבן זײ ניט געקאָנט זיך דערקלערן. צום סוף האָט זיך געיאָװעט אַ מױז, אַ פילאָזאָף, װאָס האָט אַן עצה געגעבן אױפצוהענגען אױף דער קאַץ אַ גלעקל, כדי װען די קאַץ װעט גײן, זאָלן אַלע מײז הערן דאָס גלעקל קלינגען װעלן זײ זיך באַהאַלטן. נו, איז װער װעט דאָס גלעקל אױפהענגען? אפשר טאַקע די עצה־געבערין אַלײן ? . . אָבער די מױז, דער פילאָזאָף, האָט דערקלערט, אַז זי קאָן נאָר געבן עצות — טאָן עפּעס קאָן זי ניט . . .

מיט מײנע שװעסטער איז אױך דאָס זעלבע: זײ קומען מיט שײנע עצות, אָבער אױפצוהענגען דעם גלאָק לאָזן זײ איבער פאַר מר. ראָבינסאָן. זײ מוזן אָבער פאַרשטײן אַז אױב מר. ראָבינסאָן קאָן אױפהענגען דאָס גלעקל, װעט ער שױן װי עס איז די עצה דערױף אױך אױסגעפינען . . .

אײן פרױ האָט בײם מיטינג געפרעגט : אױב איר רופט דעם בית יתומים אױף אײער מוטערס נאָמען, װאָס־זשע װעט בלײבן פאַר אונדז? לױט מײן מײנונג איז דאָס קײן פראַגע ניט. װײל אױב די פרױען מײנען טאַקע דעם בית־יתומים, איז שױן גענוג פאַר זײ װען זײ װעלן העלפן דער אינסטיטוציע, און אױב זײ גלױבן אין גאָט, װעט ער דאָך אװדאי װיסן אַז זײ האָבן געהאָלפן אין דער הײליקער אַרבעט. אױך יעדער רעכטדענקענדיקער מענטש, װאָס װעט זען װי זײ העלפן אין דער אַרבעט װעט ער זײ געבן קרעדיט.

צום סוף װיל איך אַפּעלירן צו אַלע פרױען זײ זאָלן זיך ניט אָפּזאָגן פון דער נאָבעלער אַרבעט, זײ זאָלן ניט אין זינען האָבן אַזעלכע נאַרישקײטן װי דער נאָמען פונם אַנשטאַלט, נאָר דעם אַנשטאַלט זעלבסט. לאָמיר אַלע העלפן מר. ראָבינסאָן אין זײן אונטערנעמונג, און דורך פאַראײניקטער אַרבעט קאָנען מיר האָפן צו האָבן אַ בית־יתומים אין װעלכן מיר נױטיקן זיך אַזױ שטאַרק.

בנוגע דעם קאמפיין פארן בית יתומים איז ווערט צו דערמאָנען די חרטה פון א געוועזענער מיטגלידערין פונם אסתר ראַבינסאָן בית יתומים. צוריק מיט 16 יאָר, ווען עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג ביי דער וויניפּעגער קהילה, בין איך געווען זייער פּעסימיסטיש בנוגע דעם צווייטן יידישן פאָלקס בית יתומים. די צייט האָט אָבער באוויזן אז דער ראַבינסאָן בית־יתומים איז אונטערגעגאנגען און עס האָט אויפגעבליט דער פאָלקס בית־יתומים, וועלכער איז איצט א שטאָלץ פארן קאנאדער יידנטום. קרעדיט פאַר דעם דאָזיקן דערפאָלג אין די לעצטע 10 יאָר, דאַרף מען געבן צום סופּער־אינטענדענט, א. אסאָווסקי, וועלכער איז א דערפארענער און גלענצענדיקער דערציער און איבערגעגעבענער פאָטער צו 108 קינדער, וועלכע באקומען א יידישע רעליגיעזע דערציונג, און וועלכער איז א דערפאָלגרייכער "פינאנסיר" פאר דעם אנשטאַלט, ווו יעדע אונטערנעמונג זיינע ווערט דורכגעפירט מיט דערפאָלג.

צו מיין גרויס באדויערן האָב איך די גאנצע צייט ניט געקאָנט נעמען קיין אנטייל אין דער הייליקער ארבעט, איבער פארשיידענע פּריוואַטע אורזאכן. זינט לעצטן יאָר אָבער באזוך איך דעם אנשטאַלט פון צייט צו צייט און איך קוק זיך צו ווי אומדערמידלעך דער סופּעראינטענדענט, די באָרד אָף דירעקטאָרס און די לידיס אקזילערי ארבעטן.

עס איז דער חוב פון יעדער יידישער משפּחה, אז ביזן 29טן יוני, ווען דער גרויסער יום־טוב וועט געפייערט ווערן, זאָל פון גאנץ מערב קאנאַדער יידנטום, יעדער משפּחה זיין פארשריבן אינם גאָלדענעם בוך וואָס דער בית־יתומים גיט ארויס לכבוד דעם 10־יאָריקן יובילײ פון דער נייער געביידע.

* * * * *

איך בין געווען ביי דער בר־מצווה פון אהרן קושניר, איינער פון די פינף קינדער וואָס געפינען זיך אין בית־יתומים, וועמעס עלטערן זיינען געשטאָרבן. אָלדערמאַן מ. א. גרעי, האָט אויסגעדריקט פארדראָס וואָס אזוי וויניק מענטשן זיינען געקומען, ווייל דאָס קינד באלאנגט צו יעדער יידן אין וויניפּעג, ווארום־זשע קומען זיי ניט זען דעם נחת ווי זייער קינד איז געראָטן ? . .

איצט איז דאָ צו גאסט ראובן סלאָנימסקי, פון שיקאגאָ, ווו ער לערנט זיך אויף א רב אין בית־מדרש לתורה. אויך ער איז דערצויגן געוואָרן אינם היגן בית יתומים. ראובן לערנט שוין דריי יאָר אין שיקאגאָ און מיר האָפן ער וועט אויסוואקסן א גרויסער גייסטיקער פירער ביי יידן. ביידע טעג ראש־השנה האָט ער גערעדט אין בית־יתומים פאר מוסף — דעם ערשטן טאָג, "עקדת יצחק", אין ענגליש; דעם צווייטן טאָג, "תולדות יצחק", אין יידיש.
מען דערציילט, אז ווען די רוסישע קייזערין יעקאַטערינאַ האָט געבויט דעם ערשטן אוניווערסיטעט, האָט מען זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט. האָט זי געזאָגט אז עס וועט אַלץ ווערט זיין . . . אפשר וועלן מיר אויך קאָנען ארויסגעבן א משה מענדלסאָן . . .

אויב דער וויניפּעגער בית־יתומים האָט געקאָנט ארויסגעבן א ראובן סלאָנימסקי, איז ווערט אַלע אָנשטרענגונגען, אפילו אין דער איצטיקער שווע־

דער צייט. עלטערן טוען אלץ פאר קינדער אבי זיי צו מאכן פאר שיינע, גוטע מענטשן פאר זיך און צו זייער פאָלק. די קינדער וועלן זיין אייער שטאָלץ אויף דור דורות. קומט צו כל נדרי, הערן ראובן סלאָנימסקי וועט איר זען אייער נחת.

* * * * *

דער פרעזידענט פון בית־יתומים, מר. קאנטאָר, דערקלערט אין ציי־טונג אז פאר די לעצטע צוויי וואָכן איז די יידישע געזעלשאפטלעכע מיינונג אויפגערודערט געוואָרן אין וויניפעג און גאנץ מערב קאנאדע, איבער די פּלענער צו געפינען פּריוואטע היימען פאר די קינדער פונם בית־יתומים. אויב דער פּרעזידענט מיט דער באָרד אָף דירעקטאָרס האָבן געוווסט דערפון, האָבן זיי עס ניט געדארפט האַלטן בסוד פאר דער שטאָט, נאָר זיי האָבן גע־דארפט פאררופן א מאסן פארזאמלונג און דערקלערן, אז די "סאָשל אייד־דזשענסים" וועט קומען מיט אזא פּלאַן (מיר דאכט זיך אז עס ווענדעט זיך נאָך ניט איינגאנצן אָן דער סאָשל איידזשענסים). ווען מען וויים פריער וואָלט מען זיך ניט אזוי אויפגערודערט.

מר. קאנטאָר זאָגט ווייטער, אז דער דאָזיקער פּלאַן גייט שוין אָן פאר די לעצטע 20 יאָר. נאָר אזוי ווי עס איז איצט זייער נויטיק א מושב־זקנים, איז דאָס די גינסטיקע צייט. מיר דאכט, אז די קינדער דארפן גיכער זיין אונטער א גוטער דערציונג און פאראנטוואָרטלעכקייט. אמת, מען דארף פאר די אומגליקלעכע אלטע לייט אויך א באקוועמע היים אויף צו דערלעבן זייערע לעצטע יאָרן, ניט אין קיין פייער פאסטקע. מען האָט שוין וויפל מאָל געפונען א פּלאַץ צו בויען א נייע היים, וויל אָבער קיינער ניט האָבן לעבן זיך דעם מאָנומענט פון עלטער. איך בין מער ווי זיכער, אז די וואָס זאָרגן זיך אזוי שטארק און זאָגן אז ס'וואָלט געווען א גוטער פּלאַן צו מאכן פונם בית־יתומים א מושב זקנים, אז ווען מען וואָלט געפונען פּלאַץ צו בויען א מושב זקנים ניט ווייט פון זייערע היימען, וואָלטן זיי שטארק פּראָטעסטירט . . .

מר. סאנטאָר זאָגט ווייטער אז די "סאָשל איידזשענסים" זוכט עקאָ־נאָמיע פאר דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט, ווי פאר דער קריסטלעכער. איך בין מער ווי זיכער אז דאָס וויניפּעגער יידנטום וועט ניט לאָזן צעשטערן אזא שיינע אינסטיטוציע ווי דער בית־יתומים, וועלכער איז געבויט געוואָרן מיט אזויפיל מי. אלע יידן וואָס האָבן געהאָלפן פינאנציעל דעם בית־יתומים זיינען ניט אָרעמער געוואָרן און זיי וועלן איצט ניט רייכער ווערן אויב מען וועט צעטיילן די קינדער אין פּריוואטע היימען, ווו די דערציונג וועט ניט פארבעסערט ווערן, נאָר פארערגערט ווערן. זיי וועלן זיכער ניט קריגן אזא פאראנטוואָרטלעכע יידישע דערציונג ווי זיי קריגן עס אין בית־יתומים, ווו הונדערטער יידישע קינדער זיינען שוין דערצויגן געוואָרן און זיינען שוין איצט זעלבסטשטענדיקע מענטשן. זיי זיינען א כבוד פארן וויניפּעגער יידנ־טום און א סך עלטערן וואָלטן זיך געוווּנטשן, אז זייערע קינדער זאָלן זיין אזוי ווי די קינדער וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אינם בית־יתומים.

* * * * *

עס איז די גרעסטע מענטשלעכע טראגעדיע אויף דער עלטער צו בלייבן אָן א היים. מען איז הילפלאָז ווי א קליין קינד. איך באשולדיק ניט

די קינדער, וואָס זיינען ניט צוזאַמען מיט די עלטערן, אפשר איז דאָס די שולד פון די עלטערן אליין. זיי זיינען איצט ווי קליינע קינדער, זיי נויטיקן זיך אין הילף. מיטוואָך וועט זיין אַ טיי, אין האַדסאָנס בעי, לטובת דעם מושב זקנים און עס איז די פליכט פון אלע יידישע שיבטן צו מאַכן די אונ־טערנעמונג אַ דערפאָלג. זאָלן קומען יונג און אַלט!

דער בית־יתומים גייט איצט אויך אָן מיט זיין מיטגלידערשאַפט קאַמפּיין פון דער לידיס אַקזילערי. די אַלטע לייט פונם מושב זקנים פאַרן שוין צוריק פונם יאַריד — די קינדער פאָרן ערשט אויפן וועלט־יאַריד.

עס געפינען זיך אין בית־יתומים איבער 100 קינדער, ווו זיי באַקומען אַ יידיש־וועלטלעכע דערציונג און מען דאַרף זיי ערשט מאַכן פאַר נוצלעכע מענטשן פאַר זיך און דער מענטשהייט. אויף אונדז ליגט די מאָראַלישע פליכט די ביידע אַנשטאַלטן צו שטיצן און לאָמיר האָפן אויף דעם על תשליכנו לעת זקנה, און קינדער זאָלן קיין יתומים ניט בלייבן.

* * * * *

איך באַגריס די לידיס סאָסייטי פון בית־יתומים צו איר 25־יאָריקן יובילעי, און אין דער זעלבער צייט אויך די באָרד אָף דירעקטאָרס און די לערער, וועלכע פּאַסן אויף אויף דער פיזישער, גייסטיקער און מאָראַלישער דערציונג פון די קינדער. מיט אונדזער שטיצע און צוזאַמענאַרבעט האָבן מיר דערצויגן שיינע, גוטע און נוצלעכע קינדער פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס זיינען אַ כבוד פאַרן וויניפּעגער יידנטום און פאַר מערב קאַנאַדע. יידן, קומט זיך פריידען מיט אונדז דעם זונטיק אין תלמוד תורה. עס איז אייער פרייד, אייער יום־טוב. מיר, די לידיס סאָסייטי, זאַמלען דאָס געלט פון אייך. לאָמיר דערלעבן דעם 50־יאָריקן יובל אין אַ שענערער און בעסערער וועלט.

* * * * *

איז ענטפער אויף דעם בריוו פון אַ לעזערין (וואָס וויל איר נאָמען ניט אויסזאָגן), וועלכע טענהט פאַרוואָס די לידיס סאָסייטי פון בית יתומים האָט אַראַנזשירט איר יערלעכע טיי אין האַדסאָנס בעי, וויל איך זאָגן אַז איך בין אויך געווען איינע פון די קאָנווינערס ביי דער טיי, און איך האָב ניט מורא אָנצוגעבן מיין נאָמען. די מורא וואָס איר דריקט אויס אַז באַלד וועט מען אַרויסשטעלן אַ "סיין" אַז מען וויל אונדז ניט האָבן, איז אומבאַגרינ־דעט. און אויב עס זאָל חלילה קומען דערצו, וועלן מיר, יידן דאַן אַליין בויען נאָך גרעסערע און שענערע האָטעלן ווי די פאָרט גערי און ראָיאַל אַלעק, און נאָך גרעסערע דעפּאַרטמענט סטאָרס, ווו מיר וועלן אָנשרייבן אַז מיר לאָזן קיין גויים ניט אַריין . . . און ביז דאַמאָלסט וועלן מיר זיך שוין אויך אויס־לערנען אַלע "טייבל־מענערס" און די עטיקעט פון די אַריסטאָקראַטן, און מיר וועלן שוין ניט פאַרשעמט ווערן אפילו צווישן גויים.

איר פרעגט ווייטער: "פאַרוואָס אַז מען מאַכט אַ טיי אין נאָרט־ענד, פאַר זייער וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע צוועקן, איז דער דערפאָלג בלויז אַרום 50־60 דאָלאַר?" מיר דאַכט זיך אַז דערויף דאַרף מען אויך ניט האָבן קיין מיניסטער־קאָפּ עס צו פאַרשטיין. ניט די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט סימ־פּאַטיזירט מיט אַלע "טיים", ווייל עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע אָרגאַני־זאַציעס וועלכע זיינען פּאַרטעיש. דער בית־יתומים אָבער איז אַן אומפּאַר־

טעישע אינסטיטוציע. די קינדער באלאנגען צו אלע ייִדן פון שטאָט און דערפאר קומען מענטשן פון אלע שיכטן.

מיטן לאָנטשען איז אויך ניט־ריכטיק דער חשבון. מען האָט גערופן נאָר די פרעזידענטינס פון די פארשיידענע אָרגאניזאציעס און מ. דזש. פינקלשטיין האָט געהאלטן א פאָרטראג אויף דער טעמע "וואָס דער בית־יתומים איז צו אונדז, אלע וויניפּעגער ייִדן". די 25 פרויען וואָס זיינען דאָרט אנוועזנד געווען, האבן באשלאָסן צו שיקן קאָנווינערס פון זייערע אָרגאניזאציעס.

איך זייט מקנא אויפן דערפאָלג — איך דענק אז דער דערפאָלג האָט געדאַרפט זיין נאָך גרעסער. מען האָט געבעטן די גאנצע שטאָט, און ווער עס האָט ניט געוואָלט גיין אין האָדסאָנס בעי, קאָן די ביישטייערונג אָפּגעבן אין דער נאָרט־ענד — עס איז ניט צו שפּעט. איר וועט זיכער זיין אז איר האָט געטאָן אייער חוב צום בית־יתומים.

עס קומט א דאנק דער האָדסאָנס בעי פאר ביישטייערן דעם זאָל פריי פון אָפּצאָל, און ביז מען וועט אונדז ניט וועלן, לאָמיר דערוויילן מאכן דאָרט אונדזערע אונטערנעמונגען, ווו מיר קאָנען האָבן א גרעסערן דערפאָלג.

* * * * *

איך בין א חברה פון 83 יאָר, און די עלטסטע מיטגלידערין אינם פועלי ציון פּיאָנערן פרויען קלוב אין וויניפּעג. שוין 25 יאָר ווי איך שטיי אין דער ארבעט צוזאמען מיט אלע חברות, און פאר דער צייט האָב איך געהאט די זכיה צו באגעגענען זיך מיט אלע שליחות, וועלכע זיינען צו אונדז געקומען פון ארץ־ישראל. איך וויל דערפאר באטאָנען דעם גרויסן גייסטיקן פארגעניגן וואָס איך האָב געהאט צו הערן חברה עדה מיימונס שילדערונג וועגן דער צווייטער עליה. אין הארציקע, פּשוטע ווערטער האָט זי דערציילט ווי יענע ערשטע עולים האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאר קיין קראנקהייט און סכנות, נאָר מיט עקשנות און גלויבן אין זיך האָבן זיי געהאָלפן פארווירקלעכן דעם צוויי־טויזנט יאָריקן חלום.

איך שטיץ מיטן גאנצן הארצן דעם פאָרשלאָג פון חברה מיימון, אז די אמעריקאנער און קאנאדער יוגנט זאָל פאָרן און העלפן בויען ישראל. דאָס וועט זיין אז אמתער אָנדענק נאָך די זעקס מיליאָן קדושים און א מקום מקלט פאר אונדזער פאָלק אויף דורות.

איך ווינטש חברה מיימון א געזונט און גייסטרייך לעבן אויף א סך יאָרן; זאָל זי זען בקרוב מדינת ישראל, פאר וועלכער זי איז געווען א מוטיקע קעמפערין, אין א וועלט פון שלום.

* * * * *

איך באדאנק דעם פועלי ציון פּיאָנערן פרויען קלוב פאר קומען אין מיין נייער היים צו פארברענגען מיט מיר אן אָוונט, און מיר סורפּרייזן מיט א מתנה, וועלכע איז ביי מיר די טייערסטע זאך אין מיין לעבן — א סערטיפיקאט אויף 15 ביימער פארפלאנצט אין מיין נאָמען אין ארץ־ישראל.

איך בין מיטן גאנצן הארצן צופרידן וואָס דאָס געלט וואָס יעדער חברה האָט ביישטייערט גייט פאר אזא נאָבעלן צוועק, און איך וואָלט געוווּנטשן, אז אלע אָרגאניזאציעס וואָס ארבעטן פאר טובת הכלל זאָלן טאָן דאָס זעלבע.

אזוי ווי דער זומער איז שוין פארביי און עס קומט אָן א נייער סעזאָן פון אקטיוויטעטן, און אלע אָרגאניזאציעס פירן דורך וואלן פאר באאמטע, וואלט ווינטשנסווערט געווען צו זען אָפּשאפן די סורפריז פארטיעס וואָס די אָרגאניזאציעס מאכן פאר זייערע עקזעקוטיוועס.

אין א קאָמיטעט זיינען תמיד פאראן 40־50 מיטגלידערינס פון וועל־כע בלויז א קליינע צאָל זיינען אקטיוו און די אנדערע קומען א גאנץ יאָר אפילו צו די פארזאמלונגען ניט . . . נאר ווען עס קומט צו די וואלן וויל מען דערוויילט ווערן, כדי אז ווען גאָט וועט העלפן מ׳וועט חתונה מאכן א קינד, וועט די אָרגאניזאציע מאכן א סורפריז פארטיע . . .

זאָל יעדער פרוי זיך פריער בארעכענען צי קאָן זי עפּעס בייטראָגן מיט ארבעט, איידער זי גייט אריין אין א קאָמיטעט . . . מ׳ווערט געגוג פאר־טרונקען מיט טייען, לאָנטשעאָנס און טעג־טאָגס איז נאָך א צוגאָב — אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק א סורפרייז פארטיע ! . .

* * * * *

עס ווערט איצט אָרגאניזירט דער פאראייניקטער יידישער קאמפּיין, און צווישן די אינסטיטוציעס וועלכע ער שטיצט, איז אויך פאראן די סומע פון $1,200 פאר דעם ״גאָלדען עידזש קלוב״. לויט מיין מיינונג, וואָלט דאָס געלט געקאָנט בעסער פארנוצט ווערן אויף דערציונג און יידישער קולטור.

איך בין שוין אין טיפן עלטער און האָב איבער 40 יאָר אקטיוו זיך באטייליקט אין יידיש־געזעלשאפטלעכער ארבעט (איך בין ניט געווען קיין שטוב־זיצערין), און איצט אז איך קאָן שוין ניט ארויסגיין, האָב איך שלום געמאכט מיטן גדאנק און זיץ אין הויז. דער גרעסטער טייל פון די אלטע לייט וואָס קומען זיך צונויף ביים ״גאָלדען עידזש קלוב״ נויטיקן זיך ניט אין דער פארוויילונג אויף די צוויי שעה. מען באלאנגט צו סאָסייטים און מען פארברענגט — מען איז ניט עלנט . . . באשר בכן עס קאָסט קיין געלט ניט. מען שיקט טעקסיס נאָך זיי און עס קומען יונגע ווייבלעך צו פארוויילן . . . מען פרעגט ביי די אלטע ווען עס איז זייער געבורטסטאָג און מען זינגט זיי ״העפּי בירטדעי״ און די יונגע ווייבלעך נעמען די אלטע יידן צום טאנצן . . . די ווייבלעך מיינען אז זיי האָבן דערמיט א גרויסע מצווה — ווען די אלטע לייט זאָלן אָבער די צוויי שעה זיין אין דער היים און כאפּן א דרעמל, וואָלטן זיי א סך מער געזונט צוגעקומען . . . אויב שוין עפּעס טאָן פאר די עלטערע מענטשן, איז געבן זיי א זומער וואקאציע כאָטש אויף 8 טעג אין א קעמפּ.

* * * * *

דער ״גאָלדען עידזש קלוב״, וועלכער פירט אָן זיינע אקטיוויטעטן א גאנצן ווינטער, צו געבן א ״גוד־טיים״ די עלטערע מענטשן, אנאָנסירט איצט אז ער וועט פאָרזעצן זיין ארבעט אויך דורך די זומער חדשים.

איך פארשטיי אז די יונגע פרויען ווילן זיין געזעלשאפטלעך, קומען זיי אין ווינטער, אין די גרעסטע פרעסט, צו פארוויילן די אלטע־לייט (א קליינע מצווה, לויט מיין מיינונג). בעסער וואָלט מען די אלטע, פאר די צוויי זומער־חדשים גענומען יעדער מיטוואָך אין א פארק אויף פרישער לופט, וואָלטן זיי געהאט א גרעסערע מצווה.

ווען איך האָב בייגעווינט דאָס לייגן דעם ווינקלשטיין פון דער נייער שערי צדק שול, אויף אקאדעמי ראָוד, איז מיר ארויפגעקומען דער געדאנק וועגן דעם צושטאנד פון שטאָט ווען איך בין אָנגעקומען קיין וויניפעג און דעם גרויסן פאָרשריט וואָס זי האָט געמאכט פאר דער דאָזיקער צייט.

די ערשטע יידן זיינען געקומען אהער אין 1882 און דאָס ערשטע האָבן זיי געגרינדעט א שול צום דאווענען. דאָס איז געווען די ראש־פינה שול אויף מארטא סטריט, און דערנאָך די שערי שמים שול אויף הענרי עווע., וועלכע האָט זיך שוין גערעכנט פאר א רעפאָרם שול. ווען מען האָט זיך אביסל ארויפגעארבעט, האָט די לעצטע זיך ארויסגעצויגן פון "מצרים" און עס איז געגרינדעט געוואָרן די שערי צדק שול, אויף דאנמאר סטריט.

איצט ווערט געבויט די שול אויף אקאדעמי ראָוד, וועלכע וועט אויך האָבן א תלמוד תורה — ניט א "סאָנדעי סקול" — וווּ מ'וועט לערנען 6 טעג א וואָך.

* * * * *

עס קומט א יישר־כוח דער באָרד אָף דירעקטאָרס פונם חסד של אמת פאר דער אומדערמידלעכער ארבעט וואָס זיי האָבן אָנגעפירט פאר יאָרן לאנג, און אין פנים פון די גרויסע שטערונגען וואָס זיי האָבן באגעגנט, האָבן זיי באוויזן אויפצובויען אזא שיינע אינסטיטוציע. איך בין געווען ביי דער לוויה פון דער יונג פארשטאָרבענער דאָרא מיימאן ע"ה, און האָב צוגעזען ווי עט־לעכע הונדערט מענטשן, וואָס זיינען געקומען אָפּגעבן דער פארשטאָרבענער איר לעצטן כבוד, האָבן געקאָנט אריינקומען אין דער געביידע צו הערן דעם הספד.

די גרינדער פונם חסד של אמת האָבן פאר זיך געשאפן אן אייביקן מאָנומענט. אין א געזעלשאפט גייען אָפּט אונטער אינסטיטוציעס, אָבער די אינסטיטוציע וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין—זי דינט סיי אָרעם און סיי רייך. איידער דער מענטש ווערט נאָך געבוירן איז ער שוין פאראורטיילט צו שטארבן, ווער פריער און ווערט שפעטער — אלע גייען מיר דעם זעלבן וועג. יידן פון וויניפעג, איר מעגט זיין שטאָלץ מיט אייער חסד של אמת!

* * * * *

איך בין געווען ביי דער הזכרה אין אָנדענק פונם אויפשטאנד פון דער ווארשעווער געטאָ. דאָס פראָגראם איז געווען צוגעפאסט צום מאָמענט. עס האָבן זיך באטייליקט, דער טאלאנטפולער מוזיקער און חזן ב. בראָנשטיין, און הרב מאיר שווארצמאן. דער גאסט רעדנער איז געווען הרב ביק, פון ניו־יאָרק, וועלכער האָט באלויכטן דעם אָנדענק פון די קדושים און קעמפער.

אזוי ווי עס איז געווען אין חודש ניסן, האָט מען קיין "אל מלא" ניט געמאכט, האָבן זיך שוין געפונען "מענטשן" וואָס האָבן באשולדיקט דערפאר הרב ביק, ווייל ער איז פון די "פראָגרעסיווע". עס איז דערפאר די שולד פונם פאָרזיצער, וואָס האָט ניט געמאכט קיין דערקלערונג וועגן דעם, ווייל א גרויסער פראָצענט פונם עולם האָט ניט געוווּסט פון דעם מנהג . . .

* * * * *

איך בין אנומלט געווען אין א געזעלשאפט ווו ס'איז דיסקוטירט געווארן די לאגע אין ארץ־ישראל, האט מען מיך געוואלט לינטשן דערפאר וואס איך האב אויסגעדריקט מיין מיינונג, אז מיט טעראר וועט מען ניט ווייכער מאכן די שטיינערנע הערצער פון די בריטישע רעגירער. דער טעראר האט דערווייל ניט פארגרינגערט די לאגע פון אויסגעווארצלטע אין די קאנ־צענטראציע לאגערן וועמעס איינציקע האפענונג איז אנצוקומען קיין ארץ ישראל, נאר האט בלויז געבראכט גרויסן מאטעריעלן שאדן און נייע קרבנות.

לאמיר האפן, אז אונדזער צוויי טויזנט יאריקער גערולד וועט ברענגען די ישועה און מיר וועלן ווערן א פאלק מיט פעלקער גלייך.

וועגן וואלן און יידישע קאנדידאטן

אלדערמאן סקאליטער האט פאר מיר פערזענלעך קיין טובות ניט געטאן, נאר פיל פון מיינע באקאנטע וועלכע האבן זיך גענויטיקט אין א טובה איז זיי ניט שווער געווען אנצוקומען צו אלד. סקאליטער . . . איך קאן אלץ ניט ארויסשרייבן, נאר איין פאקט וויל איך דא אילוסטרירן: מרס. ליטינסקי, א פרוי אן אלמנה, האט איבערגעטראטן דאס געזעץ און פארקויפט עפעס אין איר גראסערי סטארקע נאך די עפנטלעכע שטונדן, און זי האט געדארפט צאלן שטראף. זי האט זיך געווענדעט צו אלד. סקאליטער. דער ריכטער האט זיך אויסגעדריקט: א צרה מיט סקאליטערן, אומעטום מישט ער זיך אריין. אזוי צי אנדערש — די אלמנה האט די שטראף ניט געצאלט . . .

איינער א "נארט־ענדער" שרייבט אין צייטונג, אז אויב מר. טרילער וועט אויפטאן אזוינע זאכן ווי מר. סקאליטער, ווי צו ווארפן זאמד אויף די טרעפ פון די סטריט־קארס (אום ווינטער ווען עס איז גליטשיק), — זאלן זיי ביידע זיצן אין דער היים. זעט איר דאך טאקע, אז אפילו אזא קלייניקייט, ווי ווארפן זאמד אויף די טרעפ, האט זיך אויך קיינער ניט געפונען וואס זאל עס אויספירן . . .

איך האף אז אלע ווייל׳ערס אין וואָרד 5, ווערן שטימען פאר די יידישע קאנדידאטן, ווייל זיי האבן דאס כשר פארדינט . . .

* * * * *

א יידישע פרוי זאגט מיר אנומלט: מרס. שעכטער, איר דארפט גאר ניט אפעלירן אזויפיל. מיר ווייסן אליין פון מר. גרעים און מר. אווערבאכס לייסטונגען צו דער געזעלשאפט. האב איך איר געענטפערט אז אלע ווייסן טאקע דערפון, אבער צום שטימקאסטן קומען בלויז 16־17 הונדערט מענטשן און ניט 5,000 ווייל׳ער . . .

היינטיקס מאל דארפן אלע פינף טויזנט יידישע ווייל׳ער קומען שטי־מען. איך אפעליר צו די יידישע פרויען זיי זאלן פארטיק ווערן מיטן שבת אביסל פריער, מאכן שבת דאנערשטיק. בכדי פרייטיק זאלן זיי קאנען ארויס־גיין און באאיינפלוסן די שכנים צו שטימען פאר די יידישע קאנדידאטן.

ווער עס קאן ניט לייענען דארף זיך ניט שעמען און שטימען אפענעם באלאט. הונדערטער שטים־צעטלעך ווערן געפסלט דערפאר וואס מענטשן ווייסן ניט ווי אזוי צו שטימען.

* * * * *

איך האָב איבערגעלייענט מאָריס גוסינס אַרטיקל וועגן משה גרעי און זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איך בין זיכער אַז אַלע יידן אין וויניפּעג ווייסן וועגן גרעיס טעטיקייטן, און אַפילו אין מערב קאַנאַדע ווייס מען אויך וועגן דעם. מיט צוויי וואָכן צוריק, האָט מר. וויקער פון אידנברידזש געשריבן פאַרוואָס גרעי דאַרף דערוויילט ווערן: מר. בעלקין, פון מאָנטרעאַל, האָט געשריבן אַז עס פאַרדריסט אים וואָס ער וווינט ניט אין וויניפּעג און קאָן ניט שטימען פאַר גרעי. אַזוי ווי די פּראָווינציעלע וואַלן קומען פאָר דינסטיק (און ניט פרייטיק, ערב שבת), וועלן אַלע יידישע מענער און פרויען אַרויס־גיין שטימען, און דער ערשטער אויף זייער צעטל וועט זיין משה גרעי — "דער מענטש, דער געזעלשאַפטלעכער טוער". איך האָף אַז ער וועט דער־ווײלט ווערן מיט אַ גרויסער מערהייט, ווי ער האָט עס כשר פאַרדינט.

* * * * *

גאָט צו דאַנקען עס איז שוין ווידער וואַלן, אין ווי שרייבט מען ניט עטלעכע ווערטער — מיין געוויסן וואָלט מיך געפּלאָגט . . .

עס זיינען פאַראַן יידישע קאַנדידאַטן וועלכע זיינען פאַר אונדז זייער וויכטיק דערוויילט צו ווערן, און דאָס זיינען מ. אָווערבאַך אין סקול־באָרד און דזשעק בלומבערג אין סיטי קאָונסיל.

מיינע ליבע שוועסטער! איצט וועט איר שוין קיין תירוץ ניט האָבן, אַז איר האָט ניט געוווסט ווו צו גיין שטימען. יעדער־ער האָט געקראָגן אַ קאַרטל ווו ס'איז אָנגעוויזן ווו מען דאַרף שטימען. איך בין זיכער אַז ווען איר וואָלט ניט געהאַט קיין שטימרעכט, וואָלט איר געמאַכט דעמאָנסטראַ־ציעס, אַפילו די פענצטער אין פּאַרלאַמענט אויסגעזעצט . . . דאָ האָט אייך גאָט געהאָלפן און איר האָט שטימרעכט אָן פענצטער אויסזעצן, אָן דעמאָנ־סטראַציעס — טאָ פאַרנאַכלעסיקט זשע ניט אייער רעכט . . .

* * * * *

עס איז שוין ביי מיר אַ טראַדיציע צו אַפּעלירן אין דער צייט פון וואַלן פאַר די יידישע קאַנדידאַטן. אָלדערמאַן בראַטמאַן איז גוט באַקאַנט צו די היגע יידן און די וואָס האָבן פאַר אים געשטימט און אים דערוויילט מיט צוויי יאָר צוריק, האָבן זיך אין אים ניט אַנטוישט. ער האָט געטאָן זיין פליכט מיט אָפענע אויגן. ער האָט באַקעמפט דעם ביילאָו קעגן די דזשאַנק דילערס, האָט געקעמפט פאַרן מוניציפּאַליזירן דעם פּלעהאַוז טעאַטער, פאַר־געשלאָגן צוצונעמען דעם סיטי יאַרד פון טשאַרלס סטריט אאַ"וו.

דוד אָרליקאָוו קאָן איך ניט פּערזענלעך (אפשר ווען איך בין איצט 20 יאָר אַלט, וואָלט איך געזוכט אַ געלעגנהייט דערצו). מיין געזונט דער־לויבט מיר ניט צו קומען פּערזענלעך זיך באַקענען מיט אים, זיין פּנים ווייזט אָבער די שטריכן פון אַ שיינער אינטעליגענטער נשמה. איך האָב געקאָנט זיין יונג פאַרשטאָרבענע, אינטעליגענטע מוטער ע"ה, און איך קאָן זיין פאָטער און די גאַנצע משפּחה. זיי זיינען אינטעליגענטע באַוווסטזיניקע מענטשן מיט אַ געפיל פאַר יושר און גערעכטיקייט. איך וואָלט רעקאָמענדירט אַלע ווײלער זיי זאָלן איבערלייענען וואָס זיין געוועזענער לערער, משה בלאַשטיין, גוט באַקאַנט אין וויניפּעג, שרייבט וועגן אים. איך בין זיכער, אַז די וואָס קאָנען בלאַשטיינען זיינען איבערצייגט אַז ער איז ניט קיין "פּאָליטישן", זיינע רייד

זיינען הארציקע. די ווײַלער וועלן געבן מוט א יונגן, אינטעליגענטן יונגנמאַן מיט וועלטלעכער און יידישער בילדונג, צו גיין אויפן לייטער פון געזעל־שאפטלעכער ארבעט. עס וועט זיין א כבוד צו זען אז מיר האָבן א יוגנט וואָס איז ווערט צו פארנעמען פאראנטווארטלעכע פּאָסטנס.

* * * * *

איך האלט פאר מיין חוב צו זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן דר. מינדל טשערניאק שעפּס, וועלכע איז א קאנדידאטין פאר סקול־טראַסטי. זי איז נאָך יונג און הויבט ערשט אָן גיין אויפן געזעלשאפטלעכן לייטער. זי האָט באקומען א נאציאָנאל פּראָגרעסיווע יידישע דערציונג און איז אויסגעוואקסן אין פּרץ שול פון קינדערגאָרטן אָן ביז די העכערע קורסן, און זי שטייט נאָך איצט אויך מיט דער שול. זי ווייס און פארשטייט וואָס צו פאָדערן פון א סקול־באָרד.

* * * * *

די סי־סי־עף האָט דעם מאָל 4 קאנדידאטן — 3 פון וועלכע זיינען יידן, און איך בין זיכער אז איר וועט שטימען פאר זיי אלע.

אָלד. בלומבערג, קאנדידאט פאר מעיאָר, איז אייך גוט באקאנט מיט 31 יאָר געזעלשאפטלעכער דינסט פאר דער גאנצער באפעלקערונג און פאר די יידן בפרט. דערוויילט אים מיט א גרויסער מערהייט — ער האָט עס כשר פארדינט.

דוד אָרליקאָוו איז א קאנדידאט פאר אָלדערמאַן, און ער האָט שוין אויך זיין רעקאָרד פון דריי יאָר אלס סקול טראַסטי. ער האָט אָנגעווענדעט זיין ענערגיע צו פארבעסערן די שול־סיסטעם און ער וועט גוט פארטרעטן אייערע אינטערעסן אין שטאָט־פארוואלטונג.

דער יונגער שאול טשערניאק האָט אויך זיין יחוס. זיינע עלטערן, מר. און מרס. י. א. טשערניאק, זיינען פון די ערשטע פּיאָנערן אין שטאָט און זיי האָבן פיל ביַיגעטראָגן צום היגן יידיש־געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן, בפרט פאר יידישער דערציונג. זייער זון איז געבוירן געוואָרן אין וויניפּעג, האָט באקומען א גוטע יידישע דערציונג אין פּרץ שול, האָט א קאלעדזש ביל־דונג און פארנעמט א בכבודיקן אָרט אינם געזעלשאפטלעכן לעבן. ער איז וויצע־פּאָרזיצער פונם קאָנגרעס און אקטיוו אינם וועלפער פּאָנד. ער וועט ברענגען כבוד דער יידישער באפעלקערונג. גיט אים אייער ערשטן אויסוואל.

* * * * *

איך אפּעליר צום וויניפּעגער עולם ארויסצוגיין שטימען אין די קאָנ־גרעס וואלן. אין דער איצטיקער גרויזאם־שרעקלעכער צייט פארן יידישן פאָלק, טאָר קיינער ניט פארנאכלעסיקן צו שטימען פאר די 18 דעלעגאטן וואָס וויניפּעג דאַרף דערוויילן צו דער פּלענארער סעסיע פונם קאָנגרעס.

פאניע טשערניאק, קאנדידאטין פון דער פּרץ שול, נויטיקט זיך ניט אין מיין פאָרשטעלן זי. נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק פלעגט זי שוין, נאָך א שווערן טאָג ארבעט, גיין שפּילן טעאטער יעדער אָוונט מיטן דראמאטישן קלוב. ארום יענער צייט האָט זי אויך אָנגעהויבן אגיטירן צו שאפן א פרויען געזעלשאפט ארום דער שול, און זי איז טאקע געווען פון די ערשטע מיט־

גלידערינס. זי האָט אויך אומדערמידלעך געאַרבעט פֿאַר די מלחמה לײדנדיקע אין דער ערשטער װעלט־מלחמה, איז אַ טעטיקע טוערין אינם װעלפֿערפֿאַנד, אינם הילף פֿאַרבאַנד און רויטן קרײַץ. מיט איר פּערזענלעכקײט און קלוגשאַפֿט האָט זי באַאײַנפֿלוסט פֿיל אָרגאַניזאַציעס און יחידים צו אַרבעט. װאָס פֿאַר אַ פּלאַץ זי פֿאַרנעמט אין פּרץ שול אויפֿן געביט פֿון ייִדישער דערציִונג, איז גוט באַקאַנט דער היגער ייִדישער געזעלשאַפֿט. איך בין זיכער אַז צװישן די 18 דעלעגאַטן װאָס װעלן דערװײַלט װערן, װעט זי זײַן אײנע פֿון די ערשטע, װײַל זי האָט עס כּשר פֿאַרדינט.

* * * * *

װעגן "קוקינג סקול"

װען איך האָב געלײענט אין צײַטונג, אַז מיס סו בן־אַהרן, װעלכע האָט געדאַרפֿט אָנפֿירן מיט דער "קוקינג סקול" פֿון "דאָס ייִדישע װאָרט", איז פֿלוצים קראַנק געװאָרן, און אַז מיס בעלאַ נאָזיק װעט פֿאַרנעמען איר אָרט, האָב איך זיך געקלערט: װי װעט זי דאָס קאָנען טאָן? קאָן זי דען רײדן ייִדיש?

װען איך בין געקומען צו דער "קוקינג סקול" דינסטיק, בין איך געװען דערשטױנט צו הערן דעם פּרעכטיקן ייִדיש װאָס מיס נאָזיק באַנוצט, הגם זי האָט קײן ייִדישע שול ניט באַזוכט (װאַרשײַנלעך האָט זי דאָס אירע עלטערן צו פֿאַרדאַנקען). מיס נאָזיק באַזיצט אַ הויכע אוניװערסיטעט בילדונג און אירע דעמאָנסטראַציעס אין קאָכן און באַקן האָבן זײער גוט אויסגענומען.

* * * * *

עס קומט אַ יישר־כּוח "דאָס ייִדישע װאָרט" פֿאַר דורכפֿירן די "קוקינג סקול". כאָטש איך בין נאָך קײן אײן מאָל ניט געװען צװישן די מזלדיקע געװינערס, האָב איך דאָך געהאַט גרויס פֿאַרגעניגן פֿון די דעמאָנסטראַציעס, באַזונדערס װען איך האָב זיך צוגעהערט צו דעם שײנעם ייִדיש װאָס גאָלדע זאַראָװ באַנוצט אין איר שפּראַך. עס קומט די עלטערן קרעדיט פֿאַר שיקן זײערע קינדער אין די ייִדישע שולן. סײַ גאָלדע זאַראָװ און סײַ איר אַרויסהעלפֿערין, בערטאַ זלאָטין, זײַנען בײדע גראַדויִרטע פֿון דער פּרץ שול.

באַגריסונגען

אַ האַרציקע באַגריסונג צו "דאָס ייִדישע װאָרט" צום דערשײַנען פֿון דער טעגלעכער צײַטונג. איך װײס װיפֿל שװעריקײטן עס זײַנען געװען אָנצוהאַלטן די עקזיסטענץ פֿון דער צײַטונג, נאָר אַ דאַנק דער עקשנות פֿון דער פֿאַרװאַלטונג האָט זי דאָס אויסגעהאַלטן. איך האָף און גלױב אַז דער דערפֿאָלג פֿון דער טעגלעכער צײַטונג װעט זײַן אַ געזיכערטער און דאָס װעט ברענגען פֿיל נוצן דעם געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן לעבן פֿון מערבֿ קאַנאַדע.

* * * * *

איך באַגריס דעם אַרבעטער רינג צו זײַן 35טן יובֿל. מיט 35 יאָר צוריק איז מײַן גאָטזעליקער מאַן אַמאָל געקומען פֿון דער אַרבעט און מיר דערצײלט אַז ער שליסט זיך אָן אין אַרבעטער רינג. עס האָט זיך דאַן אָנגעפֿאַנגען אַ נײַע פֿאַזע אינם ייִדישן לעבן אין װיניפּעג. דער אַרבעטער רינג האָט זיך באַטײליקט אין דער ייִדישער קאָאָפּעראַטיװער בעקערײַ, װו ישׂראל פּראַסאָװ איז געװען פֿאַרװאַלטער, און ער האָט אַ סך בײַגעטראָגן צום סאָציאַלן לעבן אין די אינטערעסן פֿון די אַרבעטער. דער אַרבעטער רינג האָט אויך געהאָלפֿן גרינדן די ערשטע ייִדישע צײַטונג (דער קוריער) אין שטאָט.

איך ווינטש די מיטגלידער נאָך פיל פּרוכטבאַרע יאָרן פון אַרבעט און בייטראָג צום היגן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

* * * * *

איך באַגריס דעם לייענקרייז קאָונסיל צו זיין פינפטן יובילײ. די אויפגאַבע וואָס דער לייענקרייז קאָונסיל האָט זיך געשטעלט — צו פאַר־שפּרייטן דאָס יידישע בוך צווישן די יידישע פרויען, ווערט געטאָן בשלימות.

דער קאָונסיל איז געגרינדעט געוואָרן פון אַ גרופּע פרויען מיט פאַניע טשערניאַק און ראָזע עלקין בראש, און זיי זיינען געגאַנגען צו די פרויען אָר־גאַניזאַציעס און אַגיטירט צו גרינדן לייענקרייזן. אַזוי איז געלונגען צו גרינדן 15 לייענקרייזן. דערנאָך איז געקומען די שפּאַלטונג מיטן "איקוף" און אַ דאַנק דעם זיינען איצט פאַראַן 25 לייענקרייזן. מיט דער צייט זיינען אויך אויפגעקומען מענערשע לייענקרייזן, אָבער זיי גייען אונטער אַן אַנדער נאָמען — עס פּאַסט זיי ניט דער ווייבערשער נאָמען לייענקרייזן . . .

עס קומט באַזונדער קרעדיט דעם לייענקרייז קאָונסיל פאַר ברענגען אַהער די באַרימטע דיכטערין, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, לכבוד דעם יובילײ.

* * * * *

איך באַגריס אונזער חשובן רעדאַקטאָר צו זיינע 25 יאָר רעדאַקטאָר פון "דאָס יידישע וואָרט". איך בין ניט אימשטאַנד אָפּצושאַצן זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן יידישן לעבן פון וויניפּעג בפרט און מערב קאַנאַדע בכלל. מיט זיין גראַדן, לאָגישן שכל פון אַ תלמיד חכם האָט ער געשריבן זיינע "אָגב־אורחאָס" וועגן אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיטן יידישן לעבן און בפרט איבער קולטור און דערציונג.

25 יאָר רעדאַקטאָר פון אַן אומפּאַרטעיִשער יידישער צייטונג, מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט און טאָלעראַנץ אפילו צו קעגנערס — איז שוין גאָרניט אַזוי לייכט . . . די צוקונפטיקע געשיכטע שרייבערס פון אונדזער וויניפּעגער ישוב וועלן קאָנען אָפּשאַצן זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן ישוב.

איך ווינטש פון טיפן האַרצן אונדזער חשובן רעדאַקטאָר אַ סך לאַנגע און גליקלעכע יאָר, פאָרזעצן זיין אַרבעט פאַר דער יידישער שפּראַך און דעם געדרוקטן יידישן וואָרט.

* * * * *

מיין האַרציקע באַגריסונג צו פ. צוואַנקין פאַר זיין מוזיקאַלישער דער־גרייכונג וואָס דער וויניפּעגער סימפאָנישער אָרקעסטער האָט געשפּילט זיינע אַ קאָמפּאָזיציע ביים קאָנצערט.

מר. צוואַנקין האָט אָנגעהויבן שרייבן מוזיק אין די טיפע זעכציקער און זיין דערגרייכונג איז אַ כבוד פאַר אונדז אַלעמען. ער איז געקומען קיין וויניפּעג מיט 46 יאָר צוריק, און ווען זיין פרוי איז געשטאָרבן מיט 16 יאָר צוריק, האָט ער "חתונה" געהאַט מיט דער קונסט . . .

איך ווינטש אים נאָך פיל שעפערישע יאָרן פאַר דער מוזיקאַלישער קונסט. דאָס וועט זיין זיין גייסטיקע ירושה פאַר די קינדער לדורות . . .

* * * * *

אַ האַרציקער מזל טוב צו מר. און מרס. י. אַ. טשערניאַק לכבוד זיי־ער 40 יאָריקן חתונה יובל. איך קאָן די טשערניאַקס פאַר די גאַנצע 40 יאָר צייט און בין אויך גוט באַקאַנט מיט זייערע פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן און זייער טיפן דרך־ארץ פאַרן יידישן בוך. ערשט לעצטע וואָך זאָגט צו מיר אַ יונגערמאַן, אַז ער האָט קיין צייט ניט צו לייענען. איך האָב

אים אַנגעוויזן אויף די טשערניאַקס, וואָס ניט געקוקט אויף זייער גאַנצער אַרבעט לטובת הכלל, געפינען זיי נאָך אויך צייט צו לייענען א בוך.

אַלטער טשערניאַק האָט געפונען צייט צו זאָרגן זיך פאַר פּרנסה, זיך לערנען א פּראָפעסיע, גרינדן א דר. זשיטלאָווסקי קלוב, באַטייליקן זיך אינם דראַמאַטישן קלוב צו שפּילן טעאַטער פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן, אַרבעטן פאַרן וווילזיין פון די פּרץ פאָלק שולן אאַ"וו א"וו.

מרס. טשערניאַק, א מאַמע פון קינדער, איז אויך געווען אין דראַמאַטישן פאַריין, ווו זי האָט געשפּילט הויפּט ראָלן אין אַלע קלאַסישע פאָרשטעלונגען, און אין דער זעלבער צייט אַלס אשת חיל, אויך אַרויסגעהאָלפן דעם מאַן אין דער פּרנסה (אַלס דראָגיסטמעדיקערין), כדי טשערניאַק זאָל קאָנען שטודירן . . .

זיי זיינען ביידע געווען פון די ערשטע גרינדערס פון א יידיש-וועלטלעכער שול. מרס. טשערניאַק איז אויך געווען די גרינדערין פונם מוטער פאַריין.

איך ווינטש זיי אַז די צווייטע 40 יאָר זאָלן אויך זיין אַזוי באַלאַדן מיט ענערגיע און טעטיקייטן פאַר דער יידישער דערציונג און קולטור, און פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

* * * * *

איך באַגריס מרס. מינדיס צו איר 40-יאָריקער חתונה. עס איז זייער גרינג אַרויסצורעדן 40 יאָר, אָבער דורכגיין די בריק פון לעבן פאַר אַזא לאַנגן פּעריאָד פון לעבן איז שוין אַן אַנדער זאַך . . .

מרס. מינדיס האָט פאַר דער צייט דורכגעמאַכט די ערשטע וועלט-מלחמה אין דער אַלטער היים, געווען צעשיידט מיט איר חבר אין לעבן פאַר עטלעכע יאָר, איז געקומען קיין קאַנאַדע אין 1921 און אָנגעפאַנגען צו בויען איר נעסט אינם נייעם לאַנד. קינדער זיינען געקומען און מען האָט געדאַרפט פירן א שווערן קאַמף פאַר עקאָנאָמישער עקזיסטענץ אין די יאָרן פונם קריזיס. די קינדער האָבן געקראָגן א רעליגיעז-וועלטלעכע דערציונג און מרס. מינדיס האָט געטריי אויסגעפירט די פליכטן פון א פרוי און איבערגעגעבענער מוטער. זי האָט אָבער אויך געפונען צייט פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און פאַר יידישע אינסטיטוציעס. זי איז א צייט געווען פּרעזידענטין פון ליידיס אַקזילערי פון מושב זקנים, בית יתומים און אַקטיוו אין פּיאָנערן פרויען.

איך ווינטש מרס. מינדיס און איר חבר אין לעבן צו דערלעבן דעם 75 יאָריקן חתונה יובל וועלכן זיי זאָלן פייערן אין מדינת ישראל מיט פיל נחת פון קינדער, און איר זאָלט זיין אַזוי טעטיק געזעלשאַפטלעך ווי ביז איצט.

* * * * *

א האַרציקע באַגריסונג צו ב. מילער, צו זיין 50-יאָריקן יובל. מילערס פּיפּלס בוק סטאָר, געגרינדעט (צוזאַמען מיט יהושע גורוויטש) איז נאָך ביז היינטיקן טאָג א פּלאַץ ווו עס קומט זיך צוזאַמען יידישע אינטעליגענץ צו דיסקוטירן וועלטלעכע יידישע פּראָבלעמען. מר. מילער אַליין האָט אויך פיל בייגעטראָגן צום היגן יידיש-געזעלשאַפטלעכן לעבן און דורך זיין געשעפט פאַרשפּרייט ער די יידישע ליטעראַטור און יידישע צייטונגען איבער גאַנץ מערב קאַנאַדע.

איך ווינטש פריינד מילער אַז די צווייטע פופציק יאָר זאָלן אויך באַלאַדן זיין מיט אַזויפיל ענערגיע ווי די ערשטע.

נעקראָלאָגן

ר. ס. האָבינסאָן ע"ה

אויף שולץ סטריט איז געשטאָרבן איינע א מרס. קליימאַן, וועלכע האָט איבערגעלאָזן פיר קליינע קינדער אין עלנט און נויט. דער מאַן האָט נעדאַרפט גיין אַרבעטן און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל אויף די קינדער אכטונג געבן. איך האָב זיך דאַמאָלסט געטראָפן מיט מר. ר. ס. ראָבינסאָן ביי דער לוויה (מר. קליימאַן איז געווען אַן אַנגעשטעלטער ביי אים). דאַמאָלסט האָב איך געהערט ווי ער האָט געזאָגט צו עטלעכע מענטשן: גאָט זאָל מיר העלפן מיר זאָלן שוין פאַרטיק ווערן מיט דער תלמוד תורה, וועל איך תיכף זען אַז וויניפּעג זאָל האָבן א בית־יתומים. עס האָט טאַקע לאַנג ניט גענומען ווי מר. ראָבינסאָן איז געקומען מיט א הילף צום וויניפּעגער יידנטום צו בויען א בית יתומים. די ערשטע $10,000 האָט ער אליין בייגעשטייערט בתנאי אַז דער בית יתומים זאָל זיין אין אָנדענק פון זיין פאַרשטאָרבענער מוטער, אסתר ראָבינסאָן. מיט יאָרן שפּעטער איז דער בית יתומים פאַראייניקט געוואָרן מיטן פאָלקס בית־יתומים אונטערן נאָמען מערב קאַנאַדער יידישער בית יתומים.

מיטן טויט פון ר. ס. ראָבינסאָן האָבן וויניפּעגער יידן פאַרלאָרן א פילאַנטראָפּישן, אינטעליגענטן, אָרטאָדאָקסישן יידן, וועמעס נאָמען וועט תמיד דערמאָנט ווערן צום גוטן.

מרס. י. פּאָרטיגאַל ע"ה

מרס. י. פּאָרטיגאַל איז געווען איינע פון די עלטסטע יידישע תושבים אין וויניפּעג. זי האָט דאָ אָנגעפאַנגען איר געזעלשאַפטלעכע אַרבעט דורך אַרויסהעלפן די אָנקומענדיקע יידישע אימיגראַנטן. זי איז אויך געווען אַקטיוו אין דער ליידיס אַקזילערי פון ראש פּינה שול, ת"ת, בית יתומים, הדסה און נעשאָנאַל קאַונסיל אָף דזשויש ווימען.

איך געדענק, אַז ווען איך בין אָנגעקומען קיין וויניפּעג איז עס געווען ערב יום־טוב. קיין פריינט האָבן מיר ניט געהאַט. מיר זיינען געגאַנגען אין דער בית ישראל שול, אויף מאַרטאַ סטריט. נאָכן דאַווענען קומט צו מיר צו א שיינע, יונגע פרוי, און פרעגט מיך ווען איך בין אָנגעקומען, פאַרלייגנדיק מיר איר גאַסטפריינדלעכקייט. דאָס איז געווען מרס. פּאָרטיגאַל. זי האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך און געפרעגט צי מיר נויטיקן זיך אין א טובה. איך האָב איר האַרציק באַדאַנקט און געזאָגט אַז מיין מאַן אַרבעט אין א דרוקעריי און אַז ער קאָן שוין אביסל די שפּראַך.

שפּעטער מיט א פּאָר יאָר, ווען מיין מאַן איז געשטאָרבן, האָב איך אָנגעהויבן אָננעמען באַשטעלונגען אויף שנה טובהס. מרס. פּאָרטיגאַל איז געווען די ערשטע צו דערמוטיקן מיך אין דער אַרבעט. זי האָט אפילו טעלעפאָנירט אירע פריינט זיי זאָלן מיר געבן באַשטעלונגען. איך פלעג אָפט קומען אין איר הויז אויף מייפּל סטריט. זי האָט געפירט אַן אָרטאָדאָקסיש הויז און געגעבן אירע קינדער אַן אָרטאָדאָקסיש וועלטלעכע דערציונג.

ערע איר אָנדענק.

ישראל טעסלער ע"ה

ישראל טעסלער איז געקומען קיין וויניפּעג, אין 1904, פון קרעמעניץ, וואָלינער גוב., צו זיין ברודער נייטן. שפּעטער האָבן די צוויי ברידער אַראָפּגעבראַכט אהער נאָך 3 ברידער און 2 שוועסטער מיט זייערע משפּ־

חות און אזוי ארום איז דאָ פארלייגט געוואָרן די פארצווייגטע משפחה — טעסלער ברידער.

ישראל איז געווען אן אינטעליגענטער, באוווסטזיניקער יונגערמאן. ער האָט זיך באלד גענומען לערנען די לאנד שפּראך און זיך ארייַנגעוואָרפן אין דער געזעלשאפטלעכער ארבעט. ער האָט באזונדערס זיך אָפּגעגעבן מיטן קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם און צו באקעמפן די יידישע מיסיאָנערן וואָס זיינען אין יענע יאָרן אראָפּגעקומען אהער פון ענגלאנד.

זיינע קינדער האָבן באקומען א יידישע דערציונג און א וועלטלעכע, און זיי פאָלגן נאָך אין די פוסטריט פון זייער חשובן פאָטער.

מרס. מיטשל ע״ה

די גוטע, ליבע, פייגע מיטשל ע״ה איז געקומען קיין וויניפּעג אין די צוואנציקער יאָרן, פון ראָוונע, וואָלינער גובערניע. זי איז געקומען מיט איר מאן, מוטער און דריי שוועסטער, צו זייער שוועסטער מרס. משה באקאָפסקי, קיין טידהאָר, סאסק., אויף א פארם. די פארשטאָרבענע שטאמט פון גרויסן יחוס. פונם פאָטערס צד איז זי אן אייניקל פון דעם ״אפיקי יהודה״; פון דער מוטערס צד שטאמט זי פון באוווסטע גבירים פון וואָלינער און קיעווער גובערניעס, גרויסע לומדים און אָרטאָדאָקסישע אריסטאָקראטן. איר זיידע, ר׳ יוסף־יעקב אָרנשטיין, איז געווען א ״פּאָטשאָטני גראָזשדאנין״ אונטער דעם צאר אלעקסאנדער דעם צווייטן. אָבער חוץ איר גרויסן משפחה יחוס האָט זי אויך געהאט יחוס עצמו מיט איינגעבוירענער אינטעליגענץ. זי איז געווען א גוטע, באשיידענע נשמה מיט א גוט וואָרט פאר אלע מענטשן, אָבער דער שלעכטער גורל האָט זי פארפאָלגט.

א קרבן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וו זי און איר גאנצע משפחה איז רויִנירט געוואָרן פיזיש און עקאָנאָמיש, פון די פּאָגראָמען פון דעניקין און פּעטלורא, איז זי געקומען קיין קאנאדע אָנצופאנגען א ניי לעבן. די ערשטע צייט איז איר אביסל שווער געווען, ניט קאָנענדיק די לאנד־שפּראך. אָבער זי האָט זיך אויסגעגרינט, די צייט האָט זיך איר פארבעסערט און זי האָט זיך באזעצט אין וויניפּעג. א געראָטענע טאָכטער איז געבוירן געוואָרן, און זי איז צופרידן געווען מיט די אומשטענדן — איז געקומען דער באנקראָט פון דער שימנאָווסקי־האָפמאן באנק און מר. מיטשל איז רויִנירט געוואָרן. דאָס האָט שטארק געווירקט אויף אים און ער איז אינגיכן געשטאָרבן.

מרס. מיטשל מיטן קינד זיינען געבליבן מיט וויניק מיטלען פאר עקזיסטענץ. אזוי ווי אָבער זי איז געווען גראַדויִרטע מאסאזשיסטין, האָט זי זיך גענומען צו איר פּראָפעסיע. קיין סך צייט האָט זי ניט געקאָנט אָפּגעבן דערויף, ווייל זי האָט געדארפט אויפפאסן אויפן קינד, און זי איז פיזיש אויך ניט געווען צוגעפאסט פאר שווערער ארבעט, האָט זי געליטן נויט. די לעצטע פאָר יאָר אָבער האָט זיך איר מאטעריעלע לאגע שטארק פארבעסערט. זי האָט דערצויגן איר קינד אלס נוצלעכן מענטשן אין דער געזעלשאפט, אָבער האָט צום באדויערן ניט דערלעבט צו זען דעם נחת פון איר.

אהרן אסאָווסקי ע״ה

די לעגענדע דערציילט, אז דער מלאך־המות האָט ניט געקאָנט צוקומען צו דוד המלך, ווייל ער איז תמיד געזעסן איבער א ספר. האָט ער

דערזען דורכן פענצטער ווי מ'ברעכט די צווייגן פון זיין גארטן, האט ער אוועק־געלייגט דאס ספר פון האנט און איז באלד געשטארבן . . .

דער אלט־יונגער, ענערגישער אסאווסקי האט קיינמאל קיין צייט ניט געהאט. איך האב זיך געזען מיט אסאווסקין א טאג פאר זיין טויט. האט ער זיך באקלאגט, אז ער האט קיין צייט ניט, און געזאגט, אז מיר וועלן זיך זען זונטיק ביים יובל פון אונדזער באליבטן רעדאקטאר . . .

אסאווסקי איז געווען פון די ערשטע פיאנערן און בויערס פונם ישוב. ער איז געווען דער גרינדער פונם ערשטן ציוניסטישן קלוב, געווען א מיט־גליד אינם דראמאטישן פאריין, און איך געדענק נאך ווי ער פלעגט איינ־שטודירן מיט זיין עלטערער טאכטער (מרס. פרידגוט) ווי צו דעקלאמירן ביי יידישע געזעלשאפטלעכע אונטערנעמונגען.

אין 1910 ווען די סאציאליסטן האבן ארויסגעשטעלט אן ענגלישן קאנדידאט אין די פראווינציעלע וואלן, האבן די ליבעראלן ארויסגעשטעלט ס. הארט גרין אלס קאנדידאט. אסאווסקי האט זיך אריינגעווארפן מיט לייב און לעבן אינם קאמפיין פארן יידישן קאנדידאט, וועלכער איז דערוויילט געווארן מיט א גרויסער מערהייט.

אסאווסקי איז געווען פון די ערשטע בויערס פון דער תלמוד תורה. ווען וויניפעג האט זיך געגרינדעט איז דער תלמוד תורה ... ווען וויניפעג האט זיך געגרינדעט אין א בית־יתומים און ר. ס. ראבינסאן האט אנגעבאטן די ערשטע 10 טויזנט דאלאר צו פאראייביקן דעם נאמען פון זיין מוטער, האט אסאווסקי דעם פלאן באקעמפט ביי א פארזאמלונג פון די שטאט־באלעבאטים. ער איז געווען קעגן דעם אז דער בית יתומים זאל טראגן א פריוואטן נאמען. דאס האט געפירט צו א שפאלטונג און דער גרינדונג פון צוויי בתי יתומים. מיט דער צייט איז דער ראבינסאן בית יתומים אונ־טערגעגאנגען.

אסאווסקי האט זייער פיל בייגעטראגן צום אויפבוי פונם בית יתומים וו ער איז 10 יאר צייט געווען סופעראינטענדענט. אונטער זיין אויפזיכט האבן די קינדער באקומען א יידיש טראדיציאנעלע און וועלטלעכע דערציונג. מ'האט די קינדער אויך געלערנט מוזיק און אן ארקעסטער איז פון זיי ארגא־ניזירט געווארן, וועלכער פלעגט אויפטרעטן אויף אלע יידיש־נאציאנאלע יום־טובים. א סך געדענקען נאך דעם פאראד נאך דער באלפור דעקלאראציע, וואס איז געווען א קונסט ארבעט. אסאווסקי האט דערין געהאט זייער א גרויסן חלק.

די וואס זיינען געשטאנען מיט אים ביי דער מושב זקנים ארבעט, וו ער האט געארבעט ביזן לעצטן טאג פון זיין לעבן, וועלן זיכער אפשאצן זיין גרויסן ביישטייער צו דעם אנשטאלט. עס איז זייער שווער אנצוהאלטן א קהלשן אמט און נאך געפינען צייט פאר אנדערע אקטיוויטעטן. אסאווסקי איז געווען די דינאמישע נאטור וואס האט געפונען צייט פארן קאנאדער יידישן קאנגרעס, פארן דעם ציוניזם און האט נאך אויך געשריבן א בוך "צוויי וועלטן — דריי דורות", וואס וועט בלייבן א מאנומענט נאך אים.

חבל על דאבדין ! . .

וועלוול קעלער ע"ה

וועלוול קעלער איז אנגעקומען אהער אין 1912. איך האב זיך באקענט מיט אים און מיט זיין פרוי (איר צו לענגערע יאר), אין פרץ שול, וו זיי זיינען באלד געווארן אקטיוו. מר. קעלער האט געארבעט ביי מאטראצן און נאך א

שווערן טאָג ארבעט, פלעגט ער קומען אין שול. קיין וועלפער־פאַנד איז דאַמאָלסט נאָך ניט געווען און צו שאפן געלט פאר דער עקזיסטענץ פון דער שול איז אָנגעקומען זייער שווער. פאר קעלערן איז אָבער קיין ארבעט לטובת דער שול ניט געווען צו שווער. איך געדענק נאָך די באזארן וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין שטיימאנס האָל, אויף סעלקירק עוועניו, וויפל ענערגיע און געזונט וועלוול קעלער האָט דאָרט אוועקגעגעבן אז די באזארן זאָלן זיין א דערפאָלג . . .

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געקומען א שווערער עקאָנאָמישער קריזיס. עס זיינען געקומען זייער פיל יידיש אימיגראנטן און קיין ארבעט איז פאר זיי ניט געווען. עס איז דאַן געשאפן געוואָרן א ביליקע קיך, ווו די אימיגראנטן זאָלן קריגן א מאָלצייט פאר וויניקער געלט אָדער גאָר בחינם — וועלוול קעלער האָט דערין אויך גענומען אן אקטיוון אנטייל. דערנאָך איז געשאפן געוואָרן דער הילף פארבאנד פאר מלחמה און פּאָגראָם געליטענע, און אויך דאָ האָט קעלער א סך ארבעט אריינגעטאָן, און ווען זיינע עקאָנאָמישע אומשטענדן האָבן זיך פארבעסערט האָט ער זיך אויך אָנגעהויבן באטייליקן אינם יידישן קאָנגרעס, איז געווען איינער פון די גרינדער און דערנאָך פרעזידענט פונם וועלפער פאָנד, און געגעבן גרויסע ביישטייערונגען פארן אויפבוי פון מדינת ישראל.

וועלוול קעלער האָט געהאַט דעם שליסל פון זיין הארץ — אין קעשענע . . . ווען ער האָט געזען אז די פּרץ שול נויטיקט זיך אין א נייער געביידע, צוליב דעם וואָס דער יידישער ישוב קלייבט זיך אריבער אין די ווייטערע צפונדיקע געגנטן פון שטאָט, האָט ער אָפּגעשריבן $10,000 פאר א נייער שול.

צום גרויס באדויערן האָט דער טויט אים צוגענומען פאר דער צייט. זיין גייסט אָבער לעבט אין שול.

ערע זיין אָנדענק!

שלום מילער ע״ה

צו פּריצייטיק איז ער פון אונדז צוגענומען געוואָרן. ער איז געקומען קיין וויניפּעג באלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און עס האָט לאַנג ניט גענומען ווי וויניפּעג האָט אין אים דערקענט דעם יידישן תלמיד־חכם. ער האָט פיל בייגעטראָגן צום היגן יידישן לעבן, באזונדערס אויפן דערציונג געביט און אין דער זעלבער צייט זיך אויך דערוואָרבן א הויכע וועלטלעכע בילדונג גראַדויִרנדיק אלס אדוואָקאַט.

זיינע לעקציעס איבער יידישן הומאָר און סאטירע, וועלכע ער פלעגט אזוי פריינגעביק גיבן ביי יידישע פאָלקס ארגאניזאציעס און אונטערנעמונגען, זיינען געווען זייער פּאָפּולער אין שטאָט און די אויסגאַבע פון זיין בוך אויף דעם געביט — ״פונם יידישן קוואַל״ — איז געבליבן אן אייביקער מאָנומענט נאָך אים.

דר. בנימין וויקטאָר ע״ה

דער טויט פון דר. וויקטאָר איז ניט נאָר א פארלוסט פאר זיין פרוי און קינדער, נאָר אויך פאר דער וויניפּעגער יידישער געזעלשאפט, ווו ער האָט געלעבט און געווירקט סיי אלס דאָקטאָר און נאָך מער אלס געזעלשאפטלעכער טוער און מענטש. נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, בין איך אמאָל געווען ביי אים אין אָפיס און געטראָפן א סך פאציענטן. זאָגט ער צו מיר: מרס.

שעכטער, ווו נעמט מען צו באצאלן די טעקסעס? איך האב א גרויסע פראקטיק, אבער זיי זיינען ארעמע ארבעטער . . . קאן איך ניט באצאלן מיינע טעקסעס . . .

דר. וויקטאר, דער ייד, האט זיינע קינדער געגעבן א יידיש־וועלטלעכע דערציונג. ביי אים אין הויז זיינען די קינדער דערצויגן געווארן אויף דער יידישער שפראך און זיי זיינען שטאלצע יידן. משה, דער דאקטאר, און יצחק, דער אדוואקאט, האבן דורכגעמאכט די פרץ שול פונם קינדערגארטן אן ביז די העכערע קורסן — די עלטערן האבן ניט מורא געהאט פאר זייער אקצענט. דער דאקטאר, משה, האט זיך געלערנט אויף סקאלערשיפס און געענדיקט מיט א גאלדענעם מעדאל.

איך דערמאן זיך אן עפיזאד פונם קליניק אין דזשענעראל האספיטאל, ווען משה איז נאך געווען אן אינטערן, האט א יונגע יידישע פרוי גערעדט צו אים אין ענגליש און ער האט איר געענטפערט אויף יידיש. פרעג איך אים פארוואס ער רעדט צו איר אויף יידיש, ענטפערט ער מיר: „מיט וועמען דען זאל איך ריידן יידיש אין שפיטאל, מיט די גויים ? . .

דר. וויקטאר דער ייד און מענטש, איז א גרויסער פארלוסט מיט זיין פריציייטיקן טויט. עס איז צו האפן אז זיין גייסט וועט לעבן אויף דורות לאנג און אז זיינע קינדער וועלן נאכפאלגן אין די פוס־טריט פון זייער גרויסן פאטער . . .

מיכל און רבקה־לאה טעסלער ע״ה

מיט די טעסלערס בין איך געווען שכנים אויף סטעלא עוועניו נאך מיט 35 יאר צוריק. איך בין אפט געווען ביי זיי אין הויז. מיט באשיידנקייט און גוטהארציקייט האט מיך מרס. טעסלער תמיד אויפגענומען. קיינמאל ניט געהעכערט די רענט און וואס די שכנים האבן פארלאנגט האט זי זיי געגעבן, עס זאל זיין באקוועמער.

מרס. טעסלער האט ניט צייט געהאט צו זיין א כלל־טוערין, אזוי ווי איר געטרייער לעבנס־באגלייטער וועלכער האט געהאלפן בויען אלע היגע צדקה אינסטיטוציעס, אבער זי האט תמיד געשטיצט אלע ארגאניזאציעס ווו זי האט באלאנגט. ווער עס איז געקומען איז ניט אוועק מיט ליידיקן. איר היים איז תמיד געווען שטרענג רעליגיעז און די קינדער האבן באקומען א רעליגיעזע דערציונג און וועלטלעכע בילדונג. זי איז געווען די יידישע מאמע וואס האט ניט געזוכט צו באפרייען זיך פון שווערער ארבעט. זי האט אירע קינדער דערצויגן אן "בעיבי סיטערס", ווינטער ניט געפארן ווו ס'איזווארעם און זומער ניט געפארן ווו ס'איז קאלט. זי האט נאר ארויסגעהאלפן אלס פארוואלטערין פון די קאטעדזשעס ארום איר הויז. איך האב איר אמאל געפרעגט פארוואס זיי ציען זיך ניט ארויס פון סטעלא עוועניו, האט זי מיר געענטפערט: גאט האט מיר געהאלפן איך האב אויף סטעלא עוועניו דערצויגן מיינע קינדער צו גאט און צו לייט און חתונה געמאכט . . . מיר וועלן שוין פון סטעלא עוועניו אוועקגיין אין דער אייביקער רו . . . זיי זיינען געווען פון איין סארט כאראקטער — צוזאמען געלעבט און צוזאמען געשטארבן . . .

א דערקלערונג פון אסתר שעכטער

שוין א צאָל יאָרן אז איך האָב געפּלאַנט דאָס בוך, אין וועלכן עס זאָל פארצייכנט ווערן דער גאנג פון מיין לעבן רייך אין פארשיידענע דערפארונגען, און מיינע קליינע ביישטייערונגען צום יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן. עס האָט זיך מיר געדוכט, אז דאָס קאָן ביישטראָגן עפּעס צו די מאטעריאלן פארן היסטאָריקער, וואָס פאָרשט דעם שטורעמדיקן גאנג פון יידישן לעבן פון די לעצטע פאָר דורות.

איך האָב לעצטנס געאיילט זיך צו פארווירקלעכן אָט דעם געדאנק, ווייל מיין עלטער און שוואכער געזונט דערלויבט מיר עס מער ניט אָפּלייגן. א דאנק מיינע פילצאָליקע פריינט, וואָס האָבן מיר געגעבן זייער הילף, איז דאָס איצט דערמעגלעכט געוואָרן.

איך וויל דאָ פארצייכענען מיט טיפער דאנקבארשאפט די הילף וואָס איך האָב פאר דעם געקראָגן פון פ. סימקין, ארויסגעבער פון "דאָס יידישע וואָרט"; דעם רעדאקטאָר פון דער צייטונג, ש. מ. זעלטשען, און אלע מיטגלידער פונם פערסאָנאל פון דער צייטונג, און בפרט מיכל ניטיקמאן, וועלכער, חוץ זעצן דאָס בוך האָט אויך אין א גרויסער מאָס געהאָלפן רעדאקטירן דעם רויען מאטעריאל און אָפּקלייבן אים.

א באזונדער דאנק די אלע פריינט וואָס האָבן מיט זייערע ביישטייערונגען געהאָלפן ארויסגעבן דאָס בוך, וואָס איך וואָלט ניט געקאָנט טאָן מיט מיינע אייגענע מיטלען.

מיט דרך־ארץ און דאנקבארשאפט,

אסתר שעכטער

די דאָזיקע אויסגאַבע איז דערמעגלעכט געוואָרן א דאנק דער מיטהילף פון די אָרגאניזאציעס :

לייענקרייז קאונסיל
לייוויק לייענקרייז
אברהם רייזן לייענקרייז
פּרץ פֿאָלק שולן עקזעקוטיווע
מוטער פאר. פּרץ־פֿאָלק שולן, צווייגן 1, 2, 3 און 5
יידישע פֿאָלקס ביבליאָטעק
פּועלי ציון פּיאָנערן פרויען קלוב
אחדות פרויען סאָשל קלוב
גאָרדאָניא פּיאָנערן פרויען קלוב

ע״אר־דזשי פרויען סאָשל קלוב
ניקאָלייעווער הילף פאריין
אינדעפּענדענט פרי לאָאָן פרויען
קיעווער פרויען לייענקרייז
קיעווער סאָסייטי
ווינּיפּעג אייד
ווינּיפּעג טשאַפּטער הדסה
ראָוונער פרויען פאריין
קרעמעניצער לאנדסמאנשאפט
דוד פּינסקי לייענקרייז (לאָס־אנדזשעלעס, קאל.)

די דאָזיקע אויסגאַבע איז דערמעגלעכט געוואָרן א דאנק דער מיטהילף פון די פֿאָלגנדיקע פריינט :

ב. ליבערזאן
ג. סודאק
ד. סודאק
מ. א. גרעי מל״א
לואי אָרליקאָוו
דוד אָרליקאָוו
ע. א. בראָטמאן
א. גאָלאָמב (מעקסיקאָ)
נחמן זעלטשען
חיים פּערלמאן
בערל מיימאן
יאָסל מיימאן
לואי סעדלעצקי
הערי שטיינבערג
משה קאָהען
ל. זאראָוו
ב. קאָהען
יעקב פּלאָטקין
ב. מילער
דזש. ס. פּייערמאן
א. א. שענעס
נח וויטמאן
יעקב אווערבאך
ב. זארעצקי (קאלגארי)
וו. דאָנער
סאָל טעפּער
דזשאָו ערליכמאן
י. פּאָרטיגאל
פּ. צוואנקין
ל. שווארץ
דזש. ה. העכט
א. קושנעראָוו
טשארלי מיניוק
גור־אריה סקולסקי
פּ. בייקער
א. בוקוואָלד
מרס. קרוגליקאָוו

מרס. פאַניע טשערניאק
מרס. ראָזע עלקין
מרס. מ. וואכנאָוו
מרס. עטל קעלער
מרס. איידא נאטנזאָן
מרס. זעלדע לעווין
מרס. מיני קאָזלאָווסקי
מרס. רובי קאָטלער
מרס. עלען קאָטלער
מרס. טעלמא קאָהען
מרס. אדעלא דיימאָנד
מרס. פעני עדעל (ניו־יאָרק)
מרס. סאָניע זלאטין
מרס. סעם עדעל (ניו־יאָרק)
מרס. ס. באסאָווסקי
מרס. מיכאנאָווסקי
מרס. גורעוויטש
מרס. מ. האלפּערין
מרס. בעסי גובערמאן
מרס. ל. ראָזנפעלד
מרס. פּ. מעלמעד
מרס. לוגינסקי
מרס. דינה וואכנאָוו
מרס. ב. שיבאָ
מרס. אנעטא ארקין
מרס. דזש. מינדעס
מרס. באקאָווסקי און קינדער
מרס. מ. ד. ספּיוואק
מרס. בעטי רימעז
מרס. קאָליע פּאָרטנאָף
מרס. א. לודוויג
מרס. א. שמעלניצקי
מרס. סאָניע אייזנבערג
מ. גראָש
א. ד. גראָש
ס. נאדל